STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09639

DI ERDISHE VELT

Boris Zimring

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערל צימרינג

די ערדישע וועלט

לידער

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

תשל״ג — 1973

DI ERDISHE VELT

(THE EARTHLY WORLD)

Poems
by
BORIS ZIMRING

Copyright © 1973
by Boris Zimring
Los Angeles, Calif.

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין
משפחה, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן
דורך די נאַצישע רוצחים, ימח שמם.

דאָס פּשוטע וואָרט

מיין קרעדאָ

ווי ליב איז דאָס פּשוטע וואָרט,
ווען עס שטייט אויפן פּלאַץ,
אויפן ריכטיקן אָרט!
ווען דו דאַרפסט ניט
צום הימל זיך ציען,
זיך אָנשטרענגען,
זוכן, באַמיען,
צו מישן די בלעטער פון צייט.
באַגרייפן דעם טייטש,
דעם באַדייט.
דיין אויער, דיין בליק,
כאַפּט עס אויף אַזוי גרינג,
גאָר אָן קיין שום ספק,
גאָר אָן אַ באַדינג.
עס איז אַזוי קלאָר,
דו קענסט עס פאַרשטיין.
ווי ליב איז דאָס פּשוטע וואָרט,
און אויך אַזוי שיין!

מענטש און וועלט

בראשית

(חדר־מאַטיוון)

און פינצטער און פּוסט
איז געווען דער אַרום...
קיין שאָרך, קיין אָטעם, קיין קלאַנג.
דער פאָדעם פון צייט
האָט געוועבט אַזוי שטום,
אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג...

דער וועזן — דער העכסטער,
דער איינציקער וועזן,
געשוועבט האָט פון איין עק צום צווייטן,
איבער דעם שטח דעם פּוסטן,
דעם ברייטן.
קיין טרערן, קיין פריידן,
און קיין שום צערייצטע געפילן...
ניט געזוכט, ניט געפונען
אין דעם אומענדלעכן רוים,
אין דעם שטילן.
אָן חסרונות, אָן מעלות...
פון ווען? און פון וואַנען?
קיין ענטפערס, קיין שאלות,
קיין זאָרגן, קיין טענות,
קיין שטרעבונגען, צילן.
געשוועבט האָט דער וועזן

איבער דעם פוסטן אַרום־און־אַרום...
קיין בענקען, קיין זאָרגן,
קיין נעכטן, קיין היינט און קיין מאָרגן...
געשוועבט האָט דער וועזן
אַזוי איינזאַם אַליין,
און פאַרבאָרגן,
אַזוי לאַנג...
אַזוי לאַנג...

איין מאָל, אָן ווילן און אומגעטראַכט:
אַ צייג מיטן פינגער,
אַ מאַך מיט דער האַנט,
און גאָר אומדערוואַרט,
עס האָט זיך באַוויזן
אַ שיין...
פלוצלונג:
עס פינטלט דאָס אויג...
עס ציטערט אַ שמייכל אויפן האַרטן געזיכט.
דער וועזן דערזען האָט
„שאָטן" און „ליכט"...
און צום איינציקן מאָל
דערפילט אַ סך מוט,
און ער האָט געזאָגט:
„דאָס איז גוט!"

אוועק איז די ענדלאָזע רו,
פאַרשוואונדן דער דרימל,
און האַסטיק, אַזוי ווי מיט מורא,
עס זאָל ניט פאַרפעלן,
איבער אַלץ, איבער אַלעס,
ט׳פאַרצויגן אַ בלויען,
אומענדלעכן הימל...
באַקוקט און באַטראַכט האָט דער וועזן,
און — עס איז אים געפעלן!

און ווייטער—
אַלץ גרינג, און נאָך גרינגער:
אַ מאַך מיט דער האַנט,
אַ ציַיג מיטן פינגער,
און אַ זון,
אַ הייסע, אַ ברענענדיקע זון
איז געהאַנגען, אָן שטאַנגען,
אין דעם ליכטיקן תהום,
פון אַ הוילן, אומענדלעכן רוים.
אַזוי איז געבוירן געוואָרן
דער טאָג...

* * *

די צייט איז געגאַנגען,
די צייט איז געקומען,

אַ שיכט נאָך אַ שיכט,
דער שאָטן פֿאַרדעקט האָט דאָס ליכט.
די זון איז פֿאַרגאַנגען,
אַזוי אומדערוואַרט...
און מוראדיק פֿינצטער, און שטום
איז געוועזן דער אַרום...
אַ צייג מיטן פֿינגער,
אַ מאַך מיט דער האַנט:
אַ לבֿנה פֿון זילבער,
באַשטאַט אויפֿן ראַנד.
און טויזנטער, טויזנטער
פֿינקלדע שטערן,
באַהאַנגען אָן שטאַנגען,
אַרום און אַרום.
דער ווּזן, דער העכסטער,
האָט זיך פֿאַרטראַכט:
אַ שיינקייט!... אַ פּראַכט!...
אַזוי איז געבוירן געוואָרן
די נאַכט...

* * *

די צייט איז געגאַנגען,
אָבער מער שוין ניט שטום,
און מער שוין ניט לאַנגזאַם,
אַזוי ווי אַמאָל;
פֿריילעכע קלאַנגען,

פון הויכע געזאַנגען,
האָבן געהערט זיך אַרום און אַרום...
דער וועזן, דער העכסטער,
דער איינציקער וועזן,
מיט גרויסקייט באַקליידט,
געשוועבט האָט אַרום,
מיט נחת און פרייד...

* * *

ווי גרויס און ווי שטאַרק
איז דער „ווען״?
נישט צו באַמאָלן,
נישט צו באַשרייבן,
נישט צום באַגרייפן,
און נישט צו פאַרשטעלן,
נישט מיט געדאַנק צו פאַרטרייבן!
קאַרג איז געוואָרן
די ליכטיקע זון, די לבנה, די שטערן...
דער וועזן,
דער איינציקער וועזן,
געשוועבט האָט אַרום,
געהאַלטן נאָר טראַכטן און קלערן...
עס האָבן געברויזט אין דער מעכטיקער ברוסט,
ביז איצט אומפאַרשטענדלעכע,
שטאַרקע געפילן.
ער האָט געוואָלט עפּעס מער,

ער האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש;
אַזוינס ווי אַזעלכעס:
אַ שפּילצייג
מיט וואָס זיך צו שפּילן!
און לאַנג האָט דער ווען
געטראַכט און געקלערט,
געוואויגן, געמאָסטן,
פון אַלעם די ווערט.
געמאָלן... פאַרצייכנט...
אַלץ אַזוי פּינקטלעך אויסגעפּלאַנירט,
און מיט פאָדעם פאַרשנירט.
אַ צייג מיטן פינגער,
אַ מאַך מיט דער האַנט,
און זיך האָבן באַוויזן צוויי קרעפּטיקע מעכט:
זיי זיינען צוזאַמען פאַראייניקט,
ווי אַ צווילינג-געפלעכט.
ניט קענען זיך קיינמאָל צעשיידן
איינס פון דעם צווייטן...
זיי זיינען פאַרבונדן,
אַזוי ווי מיט קייטן.
אָבער פאַראורטיילט
צו אַ שטענדיקן קריג...
אויף אייביק צווישן זיך פירן
מלחמה-געשלאַכט,

און נישט האָפן אפילו
אויף וועלכן שום זיג.
צוויי מאַכטן שטאַרקע,
איינס באַנאַנד—
אַזוי איז געוואָרן דאָס וואַסער און לאַנד...

* * *

דאָס וואַסער איז גלאַט,
דאָס וואַסער איז נאַס,
דאָס וואַסער איז ווייך און צאַרט.
און צייטנווייז,
כּאַטש עס קוקט אַזוי בלאַס,
ווערט עס צערייצט, אַזוי אומדערוואַרט.
עס ברויזן די כוואַליעס
מיט אַ מעכטיקער קראַפט.
ווייס איז דער שוים
פון שמערציקן כּעס...
און טיפע, אומהיילבאַרע וואונדן פאַרשאַפט
צום פּנים פון טרוקענעם לאַנד,
און מאַכט עס צו שפּאָט
און צו שאַנד! ...

אָבער די ערד,
עס מאַכט גאָר ניט אוים.
שטייט ביי דער זייט,
מיטן בליק צו דער הויך,
מיט ריזיקער קראַפט,

מיט מעכטיקן כוח,
אזוי שטאָלץ!
אזוי גרויס!
מיט ברייטע, פון ווייט האָריזאָנטן,
מיט בערג און מיט טאָלן,
מיט העלע און שענסטע קאָלירן
פון מאָלער, דעם העכסטן,
געמאָלן.
מיט ביימער, פיל גרויסע, פיל קליינע,
באַקליידעט מיט בלעטער אויף צווייגן,
וואָס מורמלען מיט ווינטעלעך,
לופטיקע, ריינע.
מיט גראָזן, וואָס שווייגן,
פיל דופטיקע בלומען
באַפּוצן די וועגן.
עס וואַרעמט די זון,
עס באַשפּריצט זיי דער רעגן.
פיל פויגלען, מיט פליגלען,
וואָס פליען,
פאַרשידענע חיות,
וואָס בלאָנדזשען און שפּאַנען,
קיינמאָל זיי קענען ניט רוען,
ניט וויסן, זיי זיינען געקומען
פון וואַנען...

א טאָג נאָך א טאָג, נאָך א צווייטן,
זיי שטרעבן.
און יעדערער באַזונדער טוט זינגען
א לויב צו דעם לעבן.

אַנדערש, גאָר אַנדערש,
איז איינע פון זיי:
זי שטייט אויף די פיס,
אַזוי גלייך, ווי א בוים,
און שפּאַנט איבער לאַנד,
גאָר בלויז, נאָר אויף צוויי...
דער פאַרווירקלעכסטער טרוים
פון וועזן, דעם העכסטן,
פון וועזן, דעם ערשטן,
און צוליב וועמען ס'איז באַשאַפן געוואָרן
די ערדישע וועלט,
וואָס דרייט זיך אַרום
אין אייביקער צייט,
מיט אומענדלעכע יאָרן.

דער מענטש,
פון פלייש און פון ביינער.
באַשיצט מיט א בלאַס־שוואַכער הויט,
מיט עלאַסטישע רערן,
וועלכע שטענדיק, אָן אויפהער, צעפירן
דאָס היילבאַרע בלוט.

וואָס איז, ווי די זון,
אַזוי רויט,
וואָס וואַרעמט מיט העלדישן מוט.
דער מענטש:
דער וואונדער איבער וואונדער,
מיט צוויי הענט און צען פינגער —
אַ געצייג, וואָס מאַכט גרינגער
צו קעמפן, באַזיגן,
די ערדישע וועגן.
אַ געדאַנק אין דעם מוח,
וואָס שטופּט און וואָס העלפט
צו שטייגן אויף שטיגן,
צו דער הימלישער הויך...
אַ האַרץ מיט געפילן,
וואָס קראַמפט זיך אין ספּאַזמעס,
אין אַנגסטן און לײדן.
אַזוי ווי אַ ליכט,
ווערט צעשמאָלצן
פון נחת און פרייד.

אָט-דער מענטש,
וועלכער וועט זיכער
דעם שפּעטער באַזיגן,
פאַרניכטן די וועלף,
וועלכע זיינען גרייט

מיט אַ שלונג אים פאַרצוקן...
דער מענטש,
וועלכער וועט מיט אַ קול פון אַ גאָט
באַפעלן דער זון
צו שיינען מיט ליכטיקע שטראַלן
און אויך אָנווייזן דעם וואַסער
די וועגן,
דורך מענטשן־געמאַכטע קאַנאַלן.
ער וועט שאַפן מכשירים
פון שטאָל און פון אייזן;
די ערד וועט זיך פּרוכפּערן מיט אַ שפע
פון מענטשלעכע שפייזן.
ער וועט שאַפן פאַר זיך אַ גן־עדן,
אָן שלענג און אָן גיפט,
און אָן סם!
אַ גן־עדן מיט פרוכטן,
מיט טרויבן און ווייַן,
מיט ברידער, וואָס וועלן זינגען
אין פריידן!

דער מענטש וועט פאַר זיכער
די שאָטנס פון פינצטערע וואָלקנס
פאַרטרייבן!
און ריין וועט דער הימל
דאַן זיין,

זויבער די לופט,
דאָס לעבן אָן זאָרג,
אָן טרערן,
אָן פּיין!

* * *

דער וועזן, דער העכסטער,
מיט יאָרן, ווען שפּעטער
באַטראַכט האָט דעם מענטשן,
אין פאַרגלייך
מיט די הימלישע געטער,
אָט־דאָ אויף דער ערדישער וועלט;
ער האָט צופרידן געשמייכלט,
און מיט נחת געקוועלט...

דער מבול

צווײ ברידער זײנען זײ געװען,
פון אײן מאַמען, אײן טאַטן.
געװען פאַרזיכערט זײנען זײ,
מיט אַ לעבן אַ חשובן, אַ זאַטן...

אײנער:
געהיט און געװאַקסט האָט
סײ זומער, סײ װינטער;
געפיטערט, געפּאַשעט די סטאַדעס
פון שאָף און פון רינדער.

און שטענדיק די טעג און די יאָרן,
אויף גראָזן, אויף גרינע געלעגן,
געחלומט פון װײטע מקומות,
געמאָסטן די הימלשע װעגן.

און זאַרגלאָז געשפּילט אויף אַ פײפל,
מיט הויכע, האַרמאָנישע קלאַנגען,
פון װײכע און האַרציקע לידער,
און האַרטע — פון לעבן געזאַנגען.

דער צװײטער:
געאַרבעט האָט שװער אין זײן לעבן —
אַזוי איז געװען אים באַשערט,
דער יאָך האָט געבויגן די אַקסלען,
װען ער האָט געגראָבן די ערד.

ס'האָט געוואַשן זיין פּנים
דער שוויים פון שטערן;
ס'האָבן געבראָטן די באַקן —
פון אויגן, די פלאַמיקע טרערן.

שטייף פון דעם ווינט,
און פאַרברענט פון דער זון,
געווען איז זיין הויט,
געווען איז אים שווער צו פאַרזייען —
און שווער איז געווען
דאָס שניידן פון ברויט!

* * *

ס'האָט לאַנגזאַם די נאָדל
געהעפט און געקניפּט
דעם פאָדעם פון צייט,
און אָפּט צום ברודער, צו זיינעם,
געוואָרפן זיין בליק, אין דער זייט.

זיין ברודער געשפּילט האָט אויף אַ פּייפל,
געלעגן אויף גרינעם גראָז,
און... ס'האָט זיך פאַרגנבעט אַ פראַגע:
„פאַרוואָס?"..
פאַרוואָס?
האָט געאָטעמט דאָס בלוט!...
פאַרוואָס? —
האָט דער מאַרך אין די ביינער געזויגן.
פאַרוואָס? —

האָבן בליקן געברענט אין די אויגן.
פאַרוואָס ?
האָט געהאַמערט אין מוח.
געגעבן עס האָט ניט קיין רו,
אין דעם ליכט פון דעם טאָג,
אין די שאָטנס פון נאַכט ;
געמאַטערט עס האָט און פאַרשמאַכט,
געזויגן דעם כוח.
גענאָגט און געפייניקט
פיל טעג און פיל וואָכן.
ביז . . . איין מאָל . . .
אַ שפרונג צו דער זייט,
מיט אַ מעסער דעם ברודער דערשטאָכן!

— — — — — — — —

דאָס בלוט האָט געשפריצט צו דער הויך,
באַפלעקט דעם אָרום.
ס׳האָט געקאָכט און געזאָטן ;
פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַ ברודער
געווען איז פאַרבאָטן...

— — — — — — — —

שטיל און שטום
איז געווען דער אָרום.
דער ווינט האָט געוויינט,
אַזוי שטיל ווי אַ קינד.
נאָר באַלד, מאָמענטאַל,
האָט צעברויזט זיך,

מיט קולות פון שטורעם,
מיט ריזיקער קראַפט,
געפייפט דורך דער לופט,
די ספּערן צעבלאָזן.
מיט וואָרצלען דיביימער געריסן,
פאַרניכטעט די גראָזן.
דורך ברייטע האָריזאָנטן,
דורך פאַסן, דורך שמאָלע,
געשאָלט צו דער הויך.
דורך בערג און דורך טאָלן,
ווי אַ נייגוואַלד פון גלאָקן,
יללות און קלאַנגען
פון נאָענט און ווייט
האָבן שנעל זיך צעטראָגן.
און פויגלען,
פיל טויזנטער, טויזנטער פויגלען,
פון אַלע וועלט־עקן,
גרויסע און קליינע,
פון אַלע קאָלירן,
זיינען געקומען צופליען,
דעם הימל באַדעקן.
אַהין און צוריק,
ווי שנורן געצויגן,
אַרויף און אַראָפּ.

ווי אַ וואָגשאָל געוואויגן.
דעם ליידיקן דרויסן,
דעם ברייטן, דעם גרויסן
באַרויבט.
מיט גוואַלדיקע קולות,
פון מורא און שרעק,
די לופט זיי האָבן פאַרטויבט.
און חיות, פיל חיות,
פון אַלערליי מינים,
אין רייען נאָך רייען
מיט העכסטן געפילדער,
מיט ווילדע געשרייען,
זיינען געקומען
ס׳בייז־וואונדער צו זען...
און מענטשן
פון הי און אַרום,
פון גאַנצן ערד־קוגל,
צעטומלט און בלאַס,
געבראָכן די הענט,
געגלאַנצט מיט די אויגן,
געוויינט און געקלאָגט,
ביז משוגעת.
זיי האָבן געהערט, אַזוי אומפאַרשטענדלעך,
אונטערערדישע קלאַנגען,

ציטערן, ברומען;
זיי האָבן דערפילט אין זייער מאַרך,
אין די ביינער:
זייער סוף איז געקומען...
זיי זיינען געלאָפן אַהין און צוריק,
פון דאַנען צו דאָרט,
זיי האָבן געזוכט דאָס פּאַסיקע אָרט,
וואו זיך צו באַהאַלטן.
ס'האָט די ערד אַזוי מוראדיק,
פלוצלונג,
גענומען זיך שפּאַלטן;
דער גאַנצער אַרום
האָט אַ שוידער געטאָן.
עס האָבן שווער געאָטעמט
די ערדישע לונגען...
געשטיגן די קרעפטיקע, פלאַמיקע צונגען,
אַרויף צו דער הויך.
די ציכטיק-ריינע האָריזאָנטן,
פאַרפילט מיט דעם קויטיקן,
שמוציקן רויך.
די גאָר־גרויסע בערג,
פון שטיין און גראַניט,
פון היץ,
פון דעם פייער צעגליט,

האָבן אויף שטויב זיך צעברעקלט,
און אין אָפּגרונט געזונקען.
געדיכטע און טונקעלע וואָלקנס,
ווי שרעקלעכע ריזן,
זיך האָבן באַוויזן,
צעעפנט די הימלשע פענצטער,
מיט גאַנצענע שמערס,
דאָס וואַסער געגאָסן,
און אַלעס פאַרטרונקען...
מיט שאַרפע און פלאַמיקע שפּיצן,
געשניטן עס האָבן די בליצן,
געדונערט עס האָט דער אַרום!
דאָס וואַסער געשטיגן האָט
העכער, אַלץ העכער,
געבליבן איז גאַרניט קיין זכר
פון ערדישן לעבן,
אפילו קיין האָר...

— — — — — — —

דער וועזן, דער העכסטער,
דער איינציקער וועזן,
האָט אַלעס באַקוקט,
און באַטראַכט.
ער האָט ביטער געשמייכלט,
און שפּאָטיש געלאַכט...

קריסטנטום

(פון נעכטן ביז היינט)

די קלאַנגען דורך דער לופט
צעטראָגן האָט דער ווינט
אויף גאַנצער וועלט, אין אַלע פיר זייטן.
געגרופן האָט זיין קול
צו קעמפן קעגן זינד;
און ליבע פאַר דער שנאה צו פאַרברייטן.

געווען איז גאָר גענוג,
מיט זיין האַנט, אַ גלעט
אַ טויטן שוין, ער זאָל אויפשטיין תחית המתים...
ער ווירקן האָט געקענט
דעם הונגער, גלייך צו זעט,
געדאַרפט האָט ער מיט בליק בלויז הייסן.

געטראָגן אין זיין ברוסט
אַ טיפן שטאַרקן האַס
צו די, וואָס נאַרן און וואָס שענדן.
געשליידערט אין אַ זייט,
געטריבן פון דער גאַס,
די זויגער פון די צינזן און פראָצענטן.

עס האָבן דורך דער לופט,
אָן אויפהער, זיך געהערט
די קלאַנגען, פול מיט ניסים ונפלאות:
נאָר קיינמאָל איז געווען,
קיינעם ניט באַשערט,
צו זען זיין געזיכט, אויף אמת, אָדער טעות...

און איידער ס'האָט געקענט
פאַרדייען דעם געדאַנק
אַזוי פיל אומפאַרענטפערלעכע שאלות —
געטראָגן האָט זיך שוין
דורך לופט אַ נייער קלאַנג,
ווי אויף דעם ים די שטורעמדיקע כוואַליעס.

פון הי און פון אַרום,
די מאַסן, זייער פיל,
מיט יראת־כבוד אים צו די פיס געפאַלן;
געוויינט ווער אויף אַ קול,
געבעטן אין דער שטיל.
צו כאַפן פון זיין בליק די וואונדער־שטראַלן.

זיי האָבן נאָכגעפאָלגט
זיין יעדן טריט און שפּאַן,
זיין יעדעס וואָרט פון ליפּן ווי געשלונגען;
זיי האָבן טיף געגלויבט,
אַז אמת איז פאַראַן
און נאָר פון אים איז אמת בלויז געדרונגען...

די הערשער און די פירער,
די רעגירער פון דער מאַכט,
אים נאָכגעפאָלגט זיין יעדן טאַט באַזונדער.
באַצויגן זיך אַזוי,
מיט צווייפל און פאַרדאַכט,
מיט פיל שרעק, מיט מורא און מיט וואונדער...

אין אים געזען, אַז
זיי האָבן ניט קיין פריינט;
זיי זיינען ניט געווען מיט אים צופרידן.
געזען האָבן זיי
אַ שונא גאָר, אַ פיינט
פון זייער לעבן, אָרדענונג און פרידן.

געקלערט . . . און אויסגעפּאָרשט,
גענומען אַלץ אין אַכט,
(און די לופט איז פול געווען מיט קלאַנגען...)
באַפאַלן זיינען זיי
אין מיטן נאַכט,
אים מיט זיינע נאָכפאָלגער געפאַנגען.

זיין צלם-תליה
ער געשלעפּט האָט דורכן מאַרק,
נאָך אים די מאַסן זיינען נאָכגעגאַנגען...
און דאָרט, גאַנץ הויך,
אויפן העכסטן שפּיץ פון באַרג,
אים שענדלעך זיי האָבן אויפגעהאנגען.

די ערד האָט באַלד זיך
אַזוי ווי אָפּגעשטעלט,
און פינצטער-שוואַרץ געוואָרן איז דער הימל.
די זון, די שטערן,
און די גאַנצע וועלט,
איז געפאַלן מאַכטלאָז אין אַ דרימל...

און ווידער קלאַנגען
האָבן זיך דערהערט,
אין אַלע זייטן האָבן זיך צעטראָגן;
עס האָבן אַלע אויגן
אויף דער ערד
גענומען וויינען און צו קלאָגן.

מען האָט פאַר דעם קערפּער,
מיט פיל אַכטונג און מיט מי,
געניי אַ שטרענג־פאַרבאָרגן פּלאַץ געפונען;
נאָר דערשטוינט, איבערראַשט
איז געווען דער מאָרגן־פרי —
אין ערגעץ ניט געקענט דעם גוף געפינען! ...

צעטראָגן האָט זיך דער באַריכט
פון שטאָט צו שטאָט,
דורך לופט אויף אַ שטורעם, אויף אַ בייזן:
„געווען איז ער דער זון!"
„פיליכט אַליין גאָר גאָט?"
„אויף ערד די זינד פון מענטשן אויפצולייזן."

די הערצער האָבן זיי
צעעפנט באַלד פאַר אים,
טיף צו דער ערד די קעפּ און קני געבויגן.
געבעטן האָבן זיי
פאַרגעבונג און רחמים,
מיט ברענענדיקע טרערן אין די אויגן.

און קערנדלעך
זיינען געוואָרן פּאַרזייט
אויף פּרוכטבאַרע פעלדער,
אויף מדבר פאַרברענטן;
משיחשע קלאַנגען
זיך האָבן פאַרשפּרייט
אויף כוואַליעס פון לופטן,
פון ערד־קאָנטינענטן.

די אָרעמע מאַסן,
פון הונגער און נויט,
זיינען דאָן טיפער
אין אָפּגרונט געזונקען,
אויפן נאַקן געלויערט האָט
אָטעם פון טויט,
מען כאַפּט אָן אַ שטרוי,
ווען מען האַלט זיך אין טרינקען...

און זיי האָבן טאַקע
באמת געגלויבט,
ווען געבעטן זיי האָבן,
מיט אויגן פאַרמאַכטע;
די קלאָגן, געוויינען,
זיי האָבן פאַרטויבט
דעם ווייטיק, דעם שאַרפן,
פון גלידער פאַרשמאַכטע.

אַז ער אַליין טאָקע,
דער זון איז דער גאָט,
וואָס איז איבער אַלעס
דער מעכטיקער קעניג;
די וועלט און דאָס לעבן
באַשאַפן ער האָט,
און מיט זייער גוף
ער ווערט פלוצלינג פאַראייניקט...

אַ הייליקער ציטער
גייט דורך זייער לייב,
און כישופדיק גלעט זיי,
און היילט זיי די וואונדן...
פאַרשאָלטענעם שטן,
אין ווייטקייט פאַרטרייבט,
און ליכטיקער ווערן
די קומענדע שטונדן.

די גלויביקע — מיט זיך
האָבן שרעק מיטגעבראַכט,
אַזוי ווי די קעמפּענדע ריזן,
געטריבן עס האָט זיי,
די הערשנדע מאַכט,
ווי נאָר זיך זיי האָבן באַוויזן.

געשמידט זיי
אין אייזערנע קייטן מען האָט,
מיט שטעכיקע ריטער געשמיסן.
אין צירק זיי געוואָרפן,
צו שפּאָט און צו שאַנד,
צו ווערן פון לייבן צעריסן.

זיי געשפּיגן אין פּנים,
און חוזק געמאַכט,
געטאָן זיך נאָך רייצן און שפּאַסן;
אויף תּליות מען האָט זיי
געהאָנגען אין מאַרק,
אויף מענטשן־באַוועגנדע גאַסן.

נאָר עס האָט ניט געהאָלפן,
עס האָט זיך צעשפּרייט
אין טרוקענעם וואַלד, ווי אַ פייער.
און מערער אין צאָל
האָבן מאַסן געגלויבט,
אַז ער איז פון זינד דער באַפרייער...

עס האָבן זיך טאַקע
באַוויזן אין צייט
די אמתע סחורה־פאַרקויפער;
זיי האָבן געוואוסט
פון דעם עיקר באַדייט:
נשמה און הערצער פאַרטויפער...

מיט צינגער מיט שאַרפֿע,
זיי האָבן געמאָלט
דאָס לעבן אין הימל... פֿון אויבן;
זיי האָבן אין שוואַכע
דעם ווילן געשטאָלט,
דעם גייסט פֿון דעם אָפּגרונט דערהויבן.

אַפּאָסטאָלן פֿון הייליקן זון
פֿון דעם גאָט,
און אויך פֿון דער הייליקער מוטער;
זיי האָבן געפּריידיקט
באַרמהאַרציקן גנאָר
פֿון הייליקן גייסט, פֿון דעם פֿאָטער...

אין גאַנצענע האָרדעס,
ווי סטאַדעס פֿון שאָף,
פֿאַרזאַמלט זיי האָבן די מאַסן;
געענטפֿערט זיי האָבן
אויף הייליקן רוף,
און שטאָלענע רינגען געשלאָסן.

די נאָכפֿאָלגער
האָבן שנעל זיך פֿאַרמערט
אין זייער פֿיל-צאָל לעגיאָנען,
מיט אמת פֿון גלויבן
זיי האָבן מאַרשירט,
מיט פֿילע קאָלירנדע פֿאָנען.

געפילן פון זיגער
זיי האָבן דערשפּירט
אין ברוסט און אין זייערע ביינער;
דער עמבלעם פון צלם
ער האָט זיי געפירט
דורך בערג און דורך טאָלן, דורך שטיינער.

זיי זיינען געגאַנגען
פון דאָרף צו דער שטאָט.
זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלע וועגן ;
אין נאָמען פון העכערן,
הייליקן גאָט,
זיך קיינער געשטעלט זיי אַנטקעגן.

זיי האָבן געזויפט,
געגעסן צו־זאַט.
די גיטער געפּלינדערט, צערויבן ;
געפאַנגענע אַלע,
זיי האָבן געשמדט,
געצוואונגען צו זייערן גלויבן.

זיי האָבן געשראָקענע פרויען
געשענדט —
פאַר גאָט און זיין הייליקן נאָמען ;
זיי האָבן די קעגנער
אויף שייטערס געברענט,
וואו נאָר זיי זיינען געקומען.

געטראָגן זיי האָבן
אַ באַזונדערן האַס
צום פאַרוואָגלטן פאָלק, צו דעם יידן.
געברענט האָט ביי זיי
מיט אַ שטורעם, אַ כעס,
ווי לאַווע, האָט געהאַלטן אין זידן.

כאָטש זייער גאָט
האָט באמת געשטאַמט
(אַזוי פלעגן קלאַנגען זיך טראָגן...)
זיין מאַמע, דער טאַטע,
געלעבט האָט אין לאַנד
פון „נגב" און „ירדן" פאַרטאָגן...

און זיי האָבן דעם יידן
געטריבן אין גאָרער דער וועלט,
מיט אַכזרישער, ווילדער נקמה,
אויף וועגן — סכנות
זיי האָבן געשטעלט,
און אַלץ, אין גאָטס הייליקן נאָמען...

* * *

אויך איצטער זיי דענקען,
זיי זיינען געזאַלבט
מיטן הייליקן בוימל פון געטער;
דער קאָפּ פון דעם אָפּגאָט
איז עדיין באַשטראַלט
מיט דער קרוין פון „פריער" און פון „שפּעטער".

פאַר די וועלכע גייען מיט זיי
אויף דעם וועג,
עס שמייכלען צו זיי אַלע געטער;
פאַר די, וועלכע
שטעלן זיך קעגן, אָן שרעק —
זיי ווערן פאַרדאַמט, ווי פאַררעטער.

מיט גאָלד, בריליאַנטן,
באַזעצט איז די קרוין,
אויף דעם קאָפ פון דעם כהן גדול;
פאַרן פאָלק איז אַ שווערע
די לאַסט; פאַרן לוין —
ער, רייטנדיק, פאָרט אין דעם זאָטל...

ווער ווייסט גאָר ווי לאַנג
עס וועט שיינען די קרוין,
עס וועלן אַקסל פון פאָלק זיך נאָך בויגן!
ווען שטעלן אַנטקעגן
זיך וועט דער המון?
עס וועלן אַקסל פון פאָלק זיך נאָך בויגן!

אַז גאָט איז אין האַרצן
פון יעדער באַשאַף,
נאָר וועמען ס'איז לעבן געגעבן;
אַז אַלע, ווי ברידער,
צו לעבן מען דאַרף,
און צו אַ גן־עדן צו שטרעבן!

וואו שלום ושלוה
זאָל זיין דער באַגער;
אחיך וועגן וועט לויכטן אַ ליכטיקע שיין:
מען וועט נאָר פון פריידן
פאַרלירן אַ טרער,
און זיס וועט דאָס לעבן, דאָס גאַנצע דאָן זיין!

דער שטורעם

עס הערט זיך פון ווייט,
אויף די כוואַליעס פון לופט,
אין דער מיט פון דער נאַכט,
אַזוי דייטלעך און קלאָר,
ווי דער גאַנצער אַרום
שפּאַלט זיך און קראַכט...
עס אָטעמט דער ווינט, מיט
אַ מעכטיקער קראַפט;
ער האַלט אין איין ברומען.
ער זאָגט אָן פאָראויס:
דער שטורעם איז נאָענט,
דער שטורעם וועט קומען!

עס הויבט זיך דאָס זאַמד אויף,
זיך דרייט ווי אַ ראַד אום —
און גייט אין אַ טאַנץ...
די וואָלקנס געדיכטע
זיך יאָגן, און פלעכטן
אַ מוראדיקן קראַנץ...
עס ברעכן זיך צווייגן,
עס פאַלן די ביימער.
עס ציטערן פענצטער,
זיך עפענען לעכער,
עס פאַלן איין ווענט,
און עס פליען די דעכער.

פינצטערע שאָטנס
באַקעמפן, דערשלאָגן
די ליכטיקע שיין.
עס הערן זיך קללות
פון מענטשלעכע שמערצן,
פון ליידן און פּיין.

און אַלץ וואָס דער מענטש האָט
ביז איצטער באַשאַפן,
ווערט ברוכשטיין און שטויב.
נאָר באַלד וועט געווים דאָ,
מיט צווייגל אין מויל
זיך באַווייזן אַ טויב...

דער שטאָלענער פויגל

(אַן ערדישער פאַבל)

נאָך דורכפאַלן פיל,
נאָך שטרענגע געווועטן
פון זוכן און פאָרשן
די שטערן, פּלאַנעטן,
פון דעם מענטשלעכן שכל —
אַ בלעזל, אַ טרוים —
געקומען די צייט איז,
געשטערט ניט פון קיינעם,
דער שטאָלענער פויגל
באַזוכן זאָל שכנים,
פון טיפן און גרונטלאָזן
הימלשן רוים...

די ליכטיקע, טאַנצנדיקע
זוניקע שטראַלן,
ווי אין אַ גערעטעניש,
זיינען געפאַלן
אויף זילבערנע כוואַליעס
פון אַלומיניום־הויט..
דער קערפּער, דער גאַנצער—
אַ מענטשלעכער וואונדער,
מיט העכסטער טעכניק
פון דעם לעצטן יאָרהונדערט —
דער שטאָלענער פויגל
איז געוואָרן געבויט...

אַ ריז, אַ גיגאַנט,
מיט די גלעזערנע אויגן,
וואָס האָבן די טיפקייט
פון רוימען געזויגן —
אומבאַגרענעצטע
טויזנטער מייל.
ער געקאַנט האָט דערשפּירן
דורך לופט ווען געפלויגן,
אַז ערגעץ דער שונא
האָט געצויגן פון בויגן
פאַרסמטע מיט טויט און פאַרניכטונג —
די פייל!

דער שטאָלענער פויגל
דאָ גרייט איז געשטאַנען
גלייך זיך אַ הויב טאָן,
אַוועק באַלד פון דאַנען;
ער גרייט איז געווען
קעגן יעדער געפאַר...
געוואַרט אומגעדולדיק
אויף לעצטן געבאָט,
געדאַרפט וואָס האָט קומען
דורך עלעקטרישן דראָט,
דורך דעם דרוק פון אַ פינגער,
פון מענטש, פון זיין האַר...
— — — — — — —

דער וועזן, דער העכסטער,
האָט צעעפֿנט די אויגן,
מיט ציטער און שרעק האָט
זיך געוואונדערט, געשטויגן,
הינם שטאָלענעם פֿויגל-
פֿענאָמען באַטראַכט.
דער מענטש, וועלכן ער האָט
פֿון שטויב גאָר באַשאַפֿן,
זיך גריבלט אין סודות,
מיט מענטשלעכן וואפֿן?
און שטעלט זיך אַנטקעגן
זיין געטלעכער מאַכט!...

דער מענטש, וועלכן ער האָט
מיט גאַנצן זיין ווילן,
געקרוינט און געצערטלט
מיט ליבע געפֿילן —
ער האָט אים געמאַכט
פֿאַר דעם הערשער פֿון ערד.
נאָר פּלוצלונג פֿאַרלאָזט ער
די ערדישע וועגן
און הויבט אָן צו שפּילן
אויף הימלשן ניגון,
וואָס אים איז פֿאַרבאָטן,
וואָס אים איז פֿאַרווערט!

דער ווינט, דער ערשטער,
פאַרקנייטשט האָט זיין שטערן,
איז פלוצלונג מיט יאָרן
פאַרעלטערט געוואָרן...
זיין קאָפּ מיט דער האַנט האָט
זיך אונטערגעשפּאַרט,
פאַרלאָשן די ליכט, און
די זון איז פאַרגאַנגען.
געברומט האָט דער פויגל
מיט מאָטאָר געקלאַנגען,
און פינצטער, שטאַרק פינצטער
איז געוואָרן די נאַכט...

גאָר ניט שולדיק איז דער מענטש

ווען ער גאָר טרעט אָן אויף דער שוועל
פון אונדזער וועלט, אין אונדזער לעבן,
עס ווערט גערייצט זיין יעדער צעל,
עס ווערט נסיונות פיל געגעבן.

פון מוטערס אויגן, ליבער בליק,
דער זיסער שמייכל אויף איר פנים,
עס שמייכלען אויגן באַלד צוריק,
נאָר באַלד פאַר דעם זיי עפּעס מאָנען.

ווען ער דערפילט דאָס לייב פון „מאַם"
ווען זי טוט זיך צו אים בויגן;
עס רייצט פון מילך זיסער טעם,
ווען ער טוט פון ברוסט איר זויגן.

אים צערייצט זיין ערשטער שפּאַן,
עס רייצן אים די ווענט און דילן.
זיך גנבעט אַ באַגער אַריין
צו שפּאַנען ווייט מיט מוט און ווילן.

די זון מיט שיין, די זון מיט ליכט,
אים רייצט צו עפענען די אויגן;
צו דער לבנהס פול געזיכט,
ער ווערט מיט כישוף ווי געצויגן.

דער הויכער באַרג, דער גרינער טאָל,
אַזוי אָן ענד די ברייטע לאַנקען,
די ביימער אין דעם וואַלד, אָן צאָל,
עס רייצן, רופן האָריזאָנטן.

עס רופט און רייצט דער מאָרגן־שטראַל,
עס רופן, רייצן די מינוטן,
עס רופט די מורא, דער באַפאַל:
עס קאָכן, רייצן הייסע בלוטן.

עס ווינקט און רייצט פון גראָז די שלאַנג,
מיט איר גלאַנץ און אויגן־פלאַם,
מיט איר קלאַפּן־ברומען־קלאַנג,
מיט איר צונג, וואָס שפריצט מיט סם.

עס צינדט זיך אָן אין ברוסט אַ כעס,
די אויגן זיינען פלאַמען, ברענען.
ער ווייסט קיין וועג ניט צום „פאַרנאַס",
די געטער לעשן דאָס ניט קענען!

עס רייצט דער גאַנצער אים אַרום,
אים עס רייצט דאָס גאַנצע לעבן.
מען קען ניט בלייבן בלינד און שטום,
און ר'טוט אַן ענטפער געבן:

ער שלאָגט, ער ברענט, ער הרגעט, שעכט,
עס רייצן בייז אין אים געפילן
און ער פאַרלירט דעם מענטשנס ווערט,
ניט קען דאָס רייצן אין זיך שטילן.

ער וואַנדערט אום אויף גאָרער וועלט,
עס גייט אים נאָך דער שאָטן — „קין";
די שיין פון זון איז אים פאַרשטעלט,
ער קאָן זיך ניט פון אים באַפרייען.

מיט אש אויף קאָפּ ער שפּאַנט אַרום,
מיט טרערן הייסע וויינט ישעיה...
די וועלט צו אים איז טויב און שטום,
נאָר דער נביא האַלט אין שרייען...

און עס פרעגט דאָ דער געדאַנק:
וואו דער זין איז? שכל ישר?
וואו דעם מענטשנס איז פאַרשטאַנד?
און מען זעט: עס איז ניט כשר!...

געדאַרפט וואָלט אונדזער לעבן זיין,
די וועלט געדאַרפט זיין אַ גן עדן,
ריין פון שנאה און פון פּיין,
דער מענטש זאָל לעבן נאָר אין פרידן.

און די טויב פון ליבע זאָל
מיט גרינער צווייג אַרום דאָ שוועבן,
און אָדם-חוה, פון אַמאָל,
אונדז זאָלן ליבע ווייטער געבן!..

מיר גלויבן שטאַרק נאָך אין דער צייט,
מיר האָבן גלויבן ניט פאַרלאָרן;
עס גייט די זון אויף דאָרטן ווייט,
נאָך וועט באַלייכטן אונדז די יאָרן.

דער מענטש

א מענטש ווערט געבוירן.
ס'איז דער טאָג אזוי ליכטיק,
די זון אזוי וואַרעם,
די נאַכט איז פאַרכישופט.
די לבנה, מיט אויגן
באַקרוינט אין א שמייכל,
און טויזנטער, טויזנטער
פינקלענדע שטערן
ווינקען און רופן
פון טיפע און בלויע
טויזנטער רוימען...
עס וועבן זיך פעדעם,
אין גאַנצענע קנוילן,
עס הויבט זיך אָן טראַכטן,
עס הויבט זיך אָן קלערן,
דער מענטש הויבט אָן טרוימען...
די שלאַנג רוקט זיך אונטער,
איר לייב אַזוי גלאַט.
זי גלאַנצט ווי א שפיגל.
די ווערטער פאַרכישופט,
ווי סטרונעס פון פידל —
פאַרטייטשט אים דאָס לעבן...

דער מענטש הויבט אָן שטרעבן
צו פליען אויף פליגל,
אַזוי ווי דער אָדלער,
איבער בערג, איבער טאָלן,
איבער וואַסער פון ימען,
איבער זאַמד. אויף די ברעגן,
צו די האָריזאָנטן אַנטקעגן!
דער מענטש הויבט אָן שפּאַנען!
דער מענטש הויבט אָן לויפן!
דער מענטש הויבט אָן יאָגן!

— — — — — — —

עס קומען אָן וואָלקנס,
פאַרדעקן דעם הימל.
עס קומט אָן אַ ווינט,
און הויבט זיי אָן טראָגן.
עס שאַרפן זיך בליצן,
צעשניידן די רוימען.
די דונערן טומלען
און ווערן פאַרפאַלן.
עס קומט אָן אַ פחד
און וואַרפט אָן אַ מורא.
דער מענטש האַלט אין לויפן...
עס בויגן זיך קניען
און פאַלן באַלד כורעים...

דער שטורעם צעברומט זיך,
פאַרטרינקט דעם אָרום.
דער מענטש האַלט אין שווימען...
ס'איז דער ים אַזוי ברייט,
ווי גאָר אָן אָן עק.
עס כאַפּט אָן אַ שרעק! . . .
ער שווימט און ער שווימט,
מיט לעצטן זיין כוח,
ער כאַפּט אָן דעם ברעג,
ער גראָבט איין די פינגער
אַזוי טיף אין דעם זאַמד.
עס ציטערט די האַנט,
ער האַלט אָן זיך
מיט גאַנצן זיין כוח.

— — — — — — —

ער ציט אויס די ביינער,
ער לאַכט און ער שרייט.
די פרייד אַזוי גרויס,
זי שפּאַרט זיך אַרויס,
און עס טראָגט אים פאָראויס...
ווי גוט איז דאָס לעבן!
די לופט אין באָטעמט!
די לופט אַזוי גוט!
ער אָטעמט... ער לעבט...

עס אַרבעט זיין מוח...
ער לויפט אַוועק וויית,
ער לויפט און ער פאַלט,
צעבלוטיקטע פיס,
די הענט אויסגעדרייטע,
צעריסן דאָס פנים.
געענדערט עס האָט זיך
דאָס גאַנצע געשטאַלט:
די אויגן פאַרגליווערט,
אַזוי ווי׳ם איז דער קאָפּ,
באַשאָטן מיט שניי...
און דאָס בלוט,
דאָס רויטע, דאָס הייסע,
איז קאַלט ווי דאָס אייז...

— — — — — — —

עס צערייסט זיך דער פאָדעם.
ער פאַרלירט באַלד דעם אָטעם...

די חיה אין מענטש

די חיה אין מענטש, ווען
פון הונגער ווערט זאַט,
דער כעס ווערט פאַרלאָשן,
און צאַרט ווערט דער ווילן;
עס אָטעמען לונגען,
צום קלאַפּ אַזוי גלאַט,
און מענטשלעכער ווערן
די אינער־געפילן...

ער איילט זיך צום שונא,
ער האַלדזט אים מיט פרייד,
ער גלעט אים זיין קאָפּ,
אים קוקט אין די אויגן...
ער היילט זיינע וואונדן,
ער זעט און פאַרשטייט...
גלייכט אים אוים די פייל,
וואָס ער האָט צעבויגן...

דער שונא ווערט שטאַרקער,
ער פילט זיך געזונט.
דערפילט אין די גלידער
דעם אָטעם פון „חיה"...
מיט איר באַלד ער מאַכט
אַ פאַראייניקטן בונד;
דער „מענטש" פאַלט אַרוים —
אַ שלאַכט קומט אַ נייע...

און ס'גיסן זיך בלוטן,
דער הימל ווערט רויט....
מ'רייסט אויס זיך די אויגן,
עס גייען אַן געשלעגן.
עס שוועבט אין דער לופט
אַזוי ווילד אום דער טויט,
און מענטשלעכע קערפּערם
באַדעקן די וועגן.

און ווידער די „חיה"
אין מענטשן ווערט מיד;
געזעטיקט מיט בלוט און
מיט פליש און מיט ביינער —
זיך קושט מיט דעם שונא,
און זינגט אים אַ ליד,
און גלויבט אין אַ לעבן,
אַ טרוים אין אַ שיינעם!

דער מענטש און זיין מאַנטל

עס זאַמלען זיך וואָלקנס
פון דער נאָענט, פון ווייטן,
פון דאַנען, פון דאָרטן,
פון אַלע פיר זייטן.

אין אָנהויב — גאָר קליינינקע,
דינינקע פאַסן,
אומשולדיקע, ווייסינקע,
לייכט און געלאַסן.

זיי שוועבן אַרום,
נאָר האַלטן אין זוכן...
זיי האַלטן זיך אָן
ביי די הענט פונעם שכן.

ס׳קאָן גאָר ניט פאַרבייגיין,
זיי אַלעם פאַרטשעפּען,
צו ווערן פאַראייניקט,
ווי מיט קליי זיך פאַרקלעפּן.

אַמאָל וואַרפט אַראָפּ זיי
די זון אַ פּאָר שטראַלן,
צווישן גאָלד מיט דעם זילבער,
זיי ווערן פאַרפאַלן.

נאָר פּלוצלונג — עס רירן
אין לופט זיך געפילן:
אַ ווינט, ווי אַ קינד,
הויבט אָן זיך צו שפּילן.

ער גלעט אַזוי איידל
די קליינינקע גראָזן —
נאָר באַלד הויבט אָן פּייפן,
און בלעטער צעבלאָזן!

זיך בויגן די ביימער,
זיי טוען זיך קניען.
פון אויבן די וואָלקנס
אין מחנות זיך ציען.

זיי טוען זיך איילן,
זיי לויפן און יאָגן,
מען זעט, ווי מיט שנאה
זיי זיינען געלאָדן...

און טאַקע אַ בליץ באַלד
באַלייכט דעם אַרום,
די דונערן טאַנצן
אַ וואַלץ אומעטום.

עס ציען זיך פּאַסן,
קיין אָנהויב, קיין עק,
עס פּאַלט אָן אַ מורא,
עס וואַרפט אָן אַ שרעק!

דער מענטש כאַפּט זיין מאַנטל
און וויקלט זיך איין,
ער דענקט זיך באַשיצן
פון דעם וואָס גייט זיין.

דער מענטש אין דעם מאַנטל
שפּאַנט שנעל און געשווינד,
ער דענקט זיך פאַרמעסטן
מיט שטורעם און ווינט.

כאָטש אמת איז, אַז
די נאַקעטע ווערן פאַרשמאַכט.
דער דרויסן איז חושכדיק,
שטאָק־פינצטער די נאַכט.

דער מענטש אָבער ווייסט ניט,
און גיט ניט קיין טראַכט:
זיין מאַנטל — ז'פון גומי
געוואָרן געמאַכט...

און גומי האָט „לעבן”:
עס ציט זיך צוזאַמען,
ס'מאַכט ענגער דעם אָטעם,
עס טוט אים פאַרקלעמען.

דער מאַנטל די פיס בינדט,
זיי קענען ניט שפּאַנען.
די וואָלקנס, זיי לויפן,
ווי רויך אויף באַנען.

דער מענטש קאָן ניט לויפן,
ער זאָל זיי פאַרהאַלטן,
דער מאַנטל געווים וועט
אים אויך ניט באַהאַלטן!

ס'איז ווייט פון זון־אויפגאַנג,
ס'איז ווייט צום פרימאָרגן,
דער מענטש אין זיין מאַנטל
וועט ווערן דערוואָרגן...

דער מענטשלעכער געדאַנק

עס איז שאַרף דער מענטשלעכער געדאַנק,
ווי שאַרף עס איז אַ חלף!
ער ביימער שניידט, פון יאָר טויזנטער שוין לאַנג...
ער קאָן שניידן אַלעס!

ווי אַ לאָם פון אייזן און פון שטאָל.
ער צעשפּליטערט בערג מיט שטיינער;
ער זויגט דעם מאַרך אוים מיט איין מאָל,
פון יונג און אַלטע ביינער....

זיין אויג איז לויטער ווי בורשטין,
ער זעט די טיפקייט אין די הימלען;
ער צעטיילט אויף קלענסטע טיילעכלעך,
אפילו דאָס, וואָס האַלט אין שימלען...

עס ווינקען, רייצן אים די טרוימען
פון פאַרמעסטן און געוועטן;
ער שווימט אַרום דאָרט אין די רוימען,
און גייט צוגאַסט צו די פּלאַנעטן...

נאָר ער פילט זיך זייער איינזאַם דאָרט,
עס קלאַפּט דער אָפּקלאַנג פון זיין שפּאַנען;
זיין האַרץ עס בענקט נאָך מענטשנס וואָרט —
נאָר קומען זאָל דאָס וואָרט פון וואַנען?

און... דער געדאַנק האָט זיך דערטראַכט:
ער וועט פאַרזייען מענטשנס זריעה...
און די לבנה שוין כי־כי־קעט און זי לאַכט...
אַ פאַרבאָרגענע — צנועה...

אין דער געשיכטע, אין די ביכער,
אַ באַשאַף פון מענטשן־זוימען
וועט אַרויסשפּראָצן פאַר זיכער,
און וואָר וועט זיין, נאָר ניט קיין טרוימען...

אַ שטאָט מיט מענטשלעכע געשטאַלטן,
מיט הויטן ווייסע, שוואַרצע, ברוינע,
און אין דער וייט וועט זיין באַהאַלטן
פאַר דעם ערד־מענטשן אַ שונא...

עס וועלן דאָן באַמיען זיך און פלייסן
הויך־פאַרמעסטן און געוועטן;
אַ פייער וועט די לופט צערייסן,
פון דער ערד און פון פלאַנעטן...

די טראַגעדיע

אַ פֿאָלק, וואָס רעדט צו גאָט
יעדן טאָג אין יאָר,
און פֿאָלגט אוים זיין געבאָט
אַזוי דייטלעך, אַזוי קלאָר.
עס ענטפֿערט אים אַ ברענענדיקער דאָרן...

אַ גאָט באַרימט זיך זייער שטאַרק:
ער איז דערבאַרעמדיק און גוט.
נאָר בייז געברומט אויף סיני־באַרג,
פֿאַרקילט ביים פֿאָלק עס האָט דאָס בלוט.
געציטערט האָט די גאַנצע וועלט
פֿאַר זיין ברענענדיקן צאָרן!

אַזוי איז שוין פֿון גאָר, גאָר לאַנג,
די געשיכטע אַלץ דעם פֿאָדעם וועבט...
אַזוי עס זינגט זיך דאָס געזאַנג,
און צו גאָט אַזוי דאָס פֿאָלק נאָר שטרעבט!
עס איז פֿון דעם
אַן אייביקייט געוואָרן.

„אלי, אלי!" — קרעכצט דאָס פֿאָלק.
עס בויגט דעם נאַקן איין דער יאָך.
מען שלעפּט, מען שפּאַנט,
נאָר אַן דערפֿאָלג.
צוריק מען קערט זיך אום דערנאָך..
אַזוי דערטרונקען ווערן יאָרן.

עס קומט פון ערגעץ אַן אַ שטראַל
און רופט און בליצט אַזוי מיט ליכט ;
עס זעט די פרייד זיך איבעראַל,
עס ווערן ספיקות באַלד צעשטערט,
עס שיינט די זון אויף אַלע וועגן.

מען וויל זיין איינס מיט גאַנצער וועלט,
עס ווינקט צו דיר פון דאָרט אַ שוועל...
נאָר ווען מען שפּאַנט די שוועל אַריבער,
די וועלט גאָר שעלט . . .
אַזוי שטעכיק איז ביי איר די פעל !
מיט פייער־פונקען וואַשט דער רעגן...

ער שטרעבט נאָך פרייהייט

דער מענטש נאָך פרייהייט שטרעבט,
פון ערשטן טאָג פון זיין געבוירן.
דער פייער־פונק פון פרייהייט לעבט,
אין אַלע טעג פון זיינע יאָרן!

א שוואַכע, שעמעוודיקע טרער,
אַמאָל אין אויג איז טיף פאַרבאָרגן.
ס'באַהאַלט די נאַכט אַ טיף באַגער
נאָך דעם ליכט פון דעם פרימאָרגן.

אַמאָל זיין פנים ווערט פאַרשמירט,
אַמאָל ער טוט זיין פריינט דערמאָרדן...
אַמאָל זיין אייגן בלוט פאַרלירט,
אַמאָל אַליין ער פאַלט אַ קרבן...

דער פונק פון פריי־זיין — זיין באַגער
אין ברוסט עס האַלט אין טליען...
פון ערשטן טאָג אויף וועלט־פאַרקער—
דער פאָדעם האַלט זיך אין איין ציען . . .

אין ליכט פון טאָג דאָ, אויף דער וואָר,
צי אין דער נאַכט חלומות טרוימען;
ער וויל די פרייהייט זייער קלאָר—
אפילו דאָרטן אין די רוימען...

די שטאָט

עס האָט זיך מיר געחלומט:
ביז גאָר אַ גרויסע שטאָט,
אָנגעפּילט מיט קוימענס,
ווי ביימער אין אַ סאָד.
איבער זיי עס וואַכט
דאָס אויג פון צייט,
פון נאָענט און פון ווייט,
ביי טאָג סיי און ביי נאַכט.

מיט דעם „קאָמפּלעקס"
פירט אָן אַ שכל פון אַ מוח,
אויסגערעכנטער
מיט ציפערן און נולן,
מיט פּאַסיקלעך און רינגען.
עס איז זיין גאַנצער כוח
באַזאָרגט מיט גאָר פּערפעקטע לונגען,
פון אייזן און פון שטאָל...
און יעדעס מאָל —
שוואַרצער ווערט דער רויך,
וואָס עס אָטעמען די קוימענס אַרויס.
עס בלאָזט זיך אָן אַ קרוין,
אַ שוואָם, דאָרט אויבן,
אַזוי גרויס.
שוואַרצע וואָלקנס מיט גאווה
דאָרט שוועבן.

אזוי דאַרשטיק זויגן אוים
פון דער ערד דאָס לעבן.

עלעקטריע טרייבט
די טויזנטער פאַבריקן;
אויף שטאָקן צענדליקער
אין דער לופט עס האַלטן זיך
די בריקן.
עס שלעפט אַ פּאַס,
עס שלעפּט אַ שטריק;
עס אָטעמט אַזוי גרינג דאָ
די טעכניק.
זי האַלט די רעדער
אין איין טרייבן,
מען האַלט אָן אויפהער
אין איין קלייבן
די פּראָדוקטן אין מיליאָנען.
אַלעס ווערט פאַרמישט
מיט דעם שוויים, מיט דעם נאָסן.

ביי דער זייט, עס ריזלט אויך
אַ ריטשקע דאָ,
פול מיט קראַפט
און פול מיט מוט.
עס ריזלט שטענדיק, יעדע שעה,
ווי אין הארץ
עס ריזלט בלוט.

דאָ שווימט דער אַפּפאַל
און דער שטויב,
דער שמוץ, דער קויט, דער ברוד.
מען קען זען דאָ,
ווי דורך אַ שויב,
ווי אַזוי עס אַרבעטן די לונגען
פון דער שטאָט.

די ריטשקע ריזלט
צו דעם טייך,
מישט זיך דאָרטן אוים מיט חן.
דאָס וואַסער פון דעם טייך
טרינקט דער מענטש,
און עס פוילט זיין מאַרך אין ביין.

עס שווימט דער טייך
דורך ברייט פון שטאָט.
עס באַפּוצןביימער אים די וועגן,
נאָר פאַרשלאָפן הענגען זיין די קעפּ,
און זיי עס וועקט ניט מער דער רעגן.
עס זיינען צווייגן טרוקן
און פאַרדאַרט,
עס האָט פאַרצוקט דער ווינט
די בלעטער שוין פון לאַנג.
עס וואַגלט אום דער טרויער
טאָג און נאַכט,
און אַלע ביימער זיינען קראַנק.

עס ליעבן מענטשן אין פּאַלאַצן,
אין „פּענט־הייזער" אויף בערג,
מאַיאַנטקעס פון אַ גרויסן ווערט.
אמתע גן־עדנס.
מיט איינגעבויטע בריליאַנטן
אויף די סטעליעס, אין די ווענט.
גאָט אַליין האָט ניט געקענט,
אין זיינע הויכע רוימען,
פון דעם אפילו טרוימען.

נאָר די לופט,
מיט גאַז און סם,
מיט מיקראָבן און באַצילן,
מיט אַרסעניק און פלאַם,
קומט אַהין אַריין,
די לונגען איינצושטילן.

אויף דאָס פּנים
ווערט ביי זיי ווי וואַקס,
פאַרגעלט און בלאַס.
דו קענסט אַקאָרשט הערן
ווי עס וויינט דער ווינט
אין גאַס.

עס פירט דער טויט
דעם טאַטן און דער מאַמען,
מיט דעם קינד צוזאַמען,

אין זיין האַנט...
אַזוי פעסט און מוטיק,
דאָ ער שפּאַנט!
עס שמייכלט זיין געשטאַלט...
און אויב עס מאַכט,
אַז ווער עס פאַלט —
ער בלייבט שוין אַזוי ליגן
אויף די סטעזשקעס,
אויף די וועגן.
און עס פאַלן זייער פיל,
נאָר מען האַלט דאָס פאַר אַ סוד,
און מען באַהאַלט זיי זייער שטיל.

איך שפּאַן אַזוי
אין שטאָט אַרום,
ווי מיט אַן עקבויער,
עס בויערט דער געדאַנק:
„די שטאָט איז קראַנק!
די שטאָט איז קראַנק!"

דאָס ווינטל בלאָזט אַזוי פאַרשייט,
עס איז דער הימל אַזוי ווייט —
און די האָריזאָנטן אַזוי שטום!...

מלחמה און חורבן

1917

עס האָט אַ פינצטערער יאוש געדריקט
אויף די פאָדערשטע רייען.
פאַרטעמפטע דאָרט קרעכצן, און ווייען
זיך האָבן אין אַנגסטן געשטיקט.

פון מענטשלעכן פלייש, דער געדוך
פאַרפוילט און מיט שימל,
האָט זיך געהויבן גאַנץ הויך,
צום בלויען און ציכטיקן הימל.

פאַרדאָרבן, דערשלאָגן און שוואַך,
גאָר ווי אין אַ טונקעלן חלום,
געווען איז דער דרויסן גאַנץ אָפן.
און כאָטש ניט געווען איז קיין וואַך,
קיין מינדסטענער סימן פון שלום —
דער קריג איז אַזוי ווי געשלאָפן...

חער שונא געשטאַנען איז גרייט,
מיט ביקסן אין הענט אָנגעלאָדן,
נאָר אָבער קיין שפּאַן ניט פאָראויס,
קיין טריט אויף דער צווייטער זייט באָדן.

נאָר באַלד ווי פון חלום דערוואַכט,
געשליידערט אַוועק אין דער זייט,
ווי עפּעס אַ שמוציקע זאַך,
די ביקסן מיט קוילן, זיי האָבן.

נאָר פיל פון זיי, זייער אַ סך,
מיט זייער אַ גרויסן באַדייט,

מיט דרייסט אין די הענט,
די ביקסן צו ברוסט צוגעדריקט,
זיי האָבן געשפּאַנט,
מיט שטאַרקייט מיט פרעכער,
אויף וועגן צוריק! . . .

און אַלע, די נעכטיקע פירער,
אַרמיי גענעראַלן,
די העלדישע גרויס-קאָמאַנדירער
זיך האָבן באַהאַלטן,
ווי ראַצן און טכוירן,
אין ערדישע שפּאַלטן.
זיי זיינען געווען ווי פאַרלוירן,
אין אַ פרעמדן, פאַרוואָרפענעם לאַנד...

מען האָט זיי געשטעלט צו דער וואַנט,
ווי הויכע און גרויסע גענאַסן,
מען האָט זיי מיט שפּיזן דערשטאָכן,
מיט קוילן דערשאָסן,
ביי דער זייט פון די וועגן.
צעוואָרפן ווי שמוציקע הינט.

און אויך אין די שטעט,
און די דערפער פון לאַנד,
אין דער זעלביקער צייט,
פון נאָענט און ווייט,
האָט דאָס פאָלק זיך דערוואַכט

פון אַ שלאָף —
אַ טויטלעכן, שווערן.

דער פּחד און וויי,
אָנגעזאַמלט פון הונדערטער יאָרן,
די שנאה און האַס
האָט געשטורעמט אין ברוסטן,
אין דער שטילקייט פון נאַכט,
און אין טונקל פרימאָרגן.

מען האָט דער זשאַנדאַרמע
און דער פּאָליציי
די העלדזער געוואָרגן,
אויף שטריק זיי געהאָנגען,
צעוואָרפן ווי אָפּפאַל,
אויף דער מיט פון דער גאַס.

— — — — — — —

זיי האָבן געשפּאַנט
דורך די דערפער און שטעט
מיט זיכערע טריט.
אַן אומזעבאַרע האַנט
האָט מיט כּישוף געגלעט
געהויבן דעם שווערן געמיט.
ס'האָט געזונגען די ערד
אונטער זייערע פיס.
די לופט איז געווען אַזוי פריש,
אַזוי זיס!

די ביימער, מיט זייערע בלעטער אויף צווייגן,
האָבן זיך פריילעך געשושקעט
מיט זייער שווייגן.

עס האָבן מיט פרייד אויך אין וועלדער
די האָזן
געטאַנצט און געשפּרונגען
אויף נידריקע גראָזן.
די פייגל פון אויבן,
ווי באַשיצער, געפלויגן,
געפּיישטשעט מיט קלאַנגען;
אין איינקלאַנג מיט טענער
געזונגען מיט מענטשן,
מיט יענע, וואָס האָבן געשפּאַנט...

און די האָריזאָנטן געוועזן זיינען ברייט.
עס האָט די וויטקייט
געענוי זיך אַנטפּלעקט,
אַזוי טיף, אַזוי בלוי,
מיט לופט און מיט פרייד,
פון דעם הימלשן ראַנד.

זיי האָבן געשפּאַנט . . .
זיי האָבן געשפּאַנט מיט פאָנען,
מיט רויטע,
מיט סערפּ און מיט האַמער,
געהויבן גאַנץ הויך;

פֿאַרכּישופֿט געווען איז
די פֿרייד אין דעם מוח —
זיי האָבן געשפּאַנט ...

זיי האָבן געשפּאַנט
אויף די גאַסן און וועגן.
דאָס פֿאָלק איז געקומען
מיט פֿרייד זיי אַנטקעגן.
זיי האָבן צוזאַמען געגאָסן זיך
אין איין מעכטיקן שטראָם.
געקאָכט און געזאָטן,
אַזוי ווי דער שטראָם
פֿון די כוואַליעס אויפֿן מעכטיקן ים.
דער שטראָם איז געפֿלאָסן
אַריבער די דערפֿער און שטעט,
איבער לאַנד איבער גאַנצן.

מיט בלומען און קראַנצן
אויף קאָפּ, אין דער האַנט,
זיי האָבן געשפּאַנט . . .
דער דרויסן ז׳געווען אַזוי ציכטיק
און ריין,
עס האָט ווי געזונגען
דאָס לעבן אַליין . . .
פֿאַר יעדן ז׳געווען
אַזוי ליכטיק די וועלט,

די זון האָט געשיינט
און געקוועלט,
דאָ, דאָרט, איבעראַל!

— — — — — — —

די נאַכט, די פינצטערע, לאַנגע,
די נאַכט איז אַוועק!
און עס האָט אַנגעוואָרפן
אַ מורא, אַ שרעק
אויף וועלט־קאַפּיטאַל!...

רוסלאַנד (1918-1917)

געווען איז פאַרטריקנט דאָס לאַנד,
און ליידיק געווען איז דער דרויסן.
דער הונגער האָט מוטיק געשפּאַנט
איבער דעם שטח דעם גרויסן.

די לופט איז געווען אַזוי לער,
און אַלעם אַרום אַזוי ליידיק;
פֿגעווען איז צו אָטעמען שווער,
געווען אַזוי שאַרף איז דער ווייטיק.

די קינדער־יתומים אָן צאָל,
געשלעפּט האָבן זיך איבער די גאַסן,
די בליקן געווען זיינען שטאָל,
פאַרשטיינערט געזיכטער־גרימאַסן.

אין היימען אַליין אין דער שטיל
געוויינט האָבן יונגע אַלמנות;
געהערשט האָט אַרום דאָס געפיל
פון נידער, פון שוואַכקייט, רחמנות.

דער טיפוס האָט פריילעך געטאַנצט,
דורך טירן, אַריבער די שוועלן;
פאַרשלייערט די קעפּ מיט אַ קראַנץ,
און היציק געטאָן אַזוי קוועלן...

מען האָט שוין אויף גאַרניט דערוואַרט,
געזונקען עס זיינען געמיטן;
דער טויט נאָר אַליין האָט געלאַכט,
און לעבנס מיט ווילדקייט געשניטן...

ווינטער-פּאַלאַץ

דאָס פֿאָלק האָט געשפּאַנט
מיט אומזיכערע טריט,
אין לויזע, צעוואָרפֿענע רייען.
געווען איז דער גאַנג
אַזוי מאַכטלאָז און מיד,
גאָר נישט ווי די שטרענגע אַרמייען.

פֿיל מאַמעס און טאַטעס
עס האָבן געשפּאַנט,
שוין אַלטע און טיף אין די יאָרן;
זיי האָבן פֿיל יונגע
געפֿירט ביי דער האַנט,
וואָס זיינען פֿאַרעלטערט געוואָרן....

אויך קינדער־יתומים
געגאַן ביי דער זייט,
די הענט ביי די מאַמעס געצויגן,
און פֿיל גאָר פֿון זיי
נאָך האָבן פֿאַרשייט,
די בריסטן מיט רוגזה געזויגן.

עס האָבן אין פֿאָראויס
פֿון דעם גאַנג אָנגעפֿירט
פֿון דער מלחמה צוריק־אומגעקערטע —
באַטריבטע און מידע,
עס האָבן מאַרשירט
אָט־די, וואָס געבליבן צו לעבן באַשערטע.

און פילע פון זיי
האָבן געהויקערט אַזוי,
מיט קוליעס גאָר אונטער די פּאַכוועס.
זיי האָבן מיט שפּאַנען,
געשפּרונגען געניי,
געהיפּערט מיט ברייטקייט, מיט רחבות...

אַ סך, ווי אַ משא
גאָר אַ שווערע אַזאַ,
געשלעפּט נאָך די פיס און געהונקען;
עס האָבן מיט טויטלעכער
שטילקייט און שאַ
בלויז לעכער פון אויגן געוואונקען...

דורך שטעט, די פאַרשטיקטע,
זיי האָבן געשפּאַנט,
דורך דערפער, וואו די לופט איז אַ פרייע.
דער גאַנג, ווי באַשטעטיקט
עס האָט דער פאַרשטאַנד,
האָט זיך געצויגן ווי צו אַ לוויה...

מען האָט ווען דערזען
שוין נאָענט, ניט ווייט,
דעם ליכטיקן הויף פון דעם קייסער,
באַלד האָט דער שפּאַן זיך
אַזוי ווי באַנייט,
די בלוטן געשטראָמט האָבן הייסער...-

דער הויף פון דעם קייסער
געווען אין אַ סאָד,

געריינגלט ארום מיט א פארקן;
דער פארקן געווען איז
פון אייזערנעם דראט,
מיט שטאל און גראניט א פארשטארקטן.

עס האט אומפארשטענדלעך,
געטריבן א דראנג,
צום קייסער פערזענלעך צו ריידן;
זיי האבן געהאט
א גרויסן פארלאנג,
אים אויסדערציילן פון זייערע ליידן.

זיי האבן אין הארצן
אזוי פיל געגלויבט,
אז ער איז א נשמהדיק-גוטער...
ווייל שטענדיק מען האט זיי
געפריידיקט, געגלויבט
דעם קייסער, גוט-הארציקן פאטער...

עס פארפאלגט זיי
דער הונגער, די נויט,
און עסט אויף דעם מארך אין די ביינער.
עס שפאצירט אויף דעם וועג
אזוי פריי אום דער טויט
און בייסט אזוי שארף מיט די ציינער...

געגלויבט אזוי שטארק
און געהאפט האבן זיי,
אז ער וועט פארשטיין זיי מסתמא;
אז ער וועט דערפילן

אין זיך זייער ווײ —
ער וועט אָפּשטעלן באַלד די מלחמה...

עס האָט דורך די פענצטער
דער קייסער באַטראַכט
פון ווייטנס דעם גאַנג פון די מאַסן,
געפאַלן אַ ציטער,
אַזוי נאַס, אַזוי פייכט,
אויף ציכטיקן פּנים דעם בלאַסן...

דער אָטעם אין ברוסט
האָט אַזוי שטאַרק געדריקט,
אַזוי ווי מיט אייזערנע רינגען;
געצויגן מיט אימפּעט,
פון גלעקער די שטריק,
ער האָט אויף אַ נייגוואַלד געקלונגען..

און שנעל, אין דער רגע,
עס האָט זיך דערהערט
פון פייער און קוילן אַ קנאַלן;
און מענטשן, ווי ביימער,
גאַנץ שווער, צו דער ערד,
אין וואַלד, אָפּגעהאַקטע געפאַלן...

געשרייען און קרעכצן,
אַ ביטער געוויין,
עס האָט זיך געטראָגן צום הימל;
נאָר דאָ ביי דער זייט,
ווי גאָרניט געשען —
געבליט עס האָט זיך אַ בלימל...

גערדאַרפט האָט עס זיין...

געדאַרפט האָט עס זיין אַ גן־עדן,
וואו שלום זאָל רוען אַרום, איבער אַלעם;
וואו איין זאַך עס זאָל מיט אַ צווייטער
פאַראייניקן זיך בלויז, מיט גוטס און מעלות...

עס זאָל פון חסרונות אפילו
קיין סימן אויף ערדישן קוגל ניט זיין!
פאַר ליפּן — צו מורמלען אַ תפילה
פון ליבע, און קיינמאָל פון ליידן און פּיין!

און גלאַט האָט די שטילקייט געטאָן שוועבן
אַרום, אין דער לופט, אויף דעם דרימל־רייטוואָגן;
באַטעמט איז געווען דאָן דאָס לעבן,
ניט נויטיק געווען גאָר די רעדער צו יאָגן...

* * *

אַ ווינט איז מיט אַ שטורעם געקומען,
מיט רעש און געפילדער די שטילקייט פאַרטויבט!
עס האָבן גענומען צו ברומען
די כוואַליעס פון ספקות, די רואיקייט באַרויבט.

עס האָבן גענומען זיך רירן
פאַרגליווערטע ביז איצט אין ברוסטן פאַרלאַנגען.
ווי דראָליעס פאַרקילטע געהירן,
זיך האָבן געהויבן מיט לעבנס געדראַנגען.

און אַלץ האָט זיך פּלוצלונג געענדערט:
פאַרשוואונדן דער שלום — דער טרוים פון דער וועלט;
עס האָט זיך דער חלום געענדיקט:
עס אָטעמט מלחמה אין יעדנס געצעלט.

מיט שנאה עס ברענען די אויגן,
דער האַס טוט די לונגען קיין רו גאָר ניט געבן,
דאָס בלוט האַלט אין רייצן און זויגן —
זיך פּעכטן פאַר כבוד דער טויט מיטן לעבן! ...

עס ראַנגלט זיך ליכט מיטן שאָטן,
דער טאָג מיט דער נאַכט אין אַן אייביקן קאַמף.
עס וואַשט אוים דאָס וואַסער דעם באָדן,
די לופט זויגט אוים דאָרשטיק פון וואַסער דעם דאַמף.

דער שטויב האָט צעמאָלן די שטיינער,
און גאַנצענע בערג זיך צעברעקלען אויף זאַמד.
עס ווערן געפילן געמיינער,
עס ווערט ווי פאַרדאָרבן די גאַנצענע וועלט!

אין חיה פאַרטיליקט אַ צווייטע,
אַ מענטש ווערט דער גזלן פון זיינעם אַ ברודער!
זיך עפנט דער טויער אַלץ ברייטער,
עס הערט זיך גאַנץ דייטלעך דער טומל־גערודער.

עס שפּייען די בערג מיט פּעך און מיט פייער,
דער שטראָם פון דעם בלוט אין די טייכן איז רויט.
עס לאַכט און כיכיקעט דער טייוול...
עס שוועבט אום מיט גדלות דער זיגער, דער טויט! ...

באַבי יאַר

די האָריזאָנטן — רויט צעברענטע.
עס שפּרייטן וואָלקנס אויס די הימלען,
עס האַלדזן שטייף די ברייטע פעלדער
ריחות פון פאַרברענטע פליישן שימלען.

עס איז דער דרויסן אָנגעפילט
מיט שרעק און פּחד.
פיל היישעריקן זשומען.
דער גיהנום איז פון הימל
אויף דער ערד אַראָפּגעקומען...

פול מיט גאווה,
ווי שטאָל, גאָרניט צו בויגן,
פון זיך אַליין
די אויסדערוויילטע ראַסע
האָט אויף דער ערד אַרומגעשפּאַנט,
מיט די שטיוול צוגעקלאַפּט.
צו דער הויך זיך געצויגן האָט
די רעכטע האַנט.
מיט רעש און מיט געפילדער
האָבן קלאַנגען זיך געטראָגן,
די לופט האָט שווער געאָטעמט
און געברומט.
פאַראויס געלאָזט צו וויסן,
אַז עס קומט.
מיט עראָפּלאַנען פון די הימלען,
וועלאָסיפּעדן אויף די שליאַכן,

דורך הויכע בערג,
און פון נידעריקע טאָלן,
מיט שיפן אויף די טייכן,
אין ענג געפּאַקטע מאַסן,
גאָר ניט צו איבערציילן,
מיט האַקנקרייץ אויף אַקסל,
אויף די אַרבל, אויף דעם שטערן,
זיי שרעק און מורא האָבן
אויף פעלקער אָנגעוואָרפן.
דערפאַלגן האָבן אימפּעטיק,
ווי בליצן,
די לופט דורכגעשניטן.
געדיכטע כמאַרעס האָבן
געדונערט און געהאַמערט,
פּונקט ווי אין די קוזניעס,
דאָס אייזן אָנגעגליטע...
זיי האָבן בייז אַזוי
געשריגן און געריוועט,
ווי חיות, פול מיט רוגזה
און מיט כעס.
אין שוואַרצאַפּלען פון די אויגן
האָט זיך דייטלעך איינגעצויגן
דער דראָט פון משוגעת...

. . . . .

און גאָר ניט האָט געקענט

אנטקעגן זיי זיך שטעלן,
ווען געשפּאַנט זיי האָבן אויף דער גאַס.
געעקלט האָט די פּינע
אויף די רויטע ליפּן,
קלעפּנדיק און נאַס.
מיט אויסרופן, מיט שאַרפע,
אויף יעדן טיר און טויער.
ברייט צעעפנט,
ווי אַ טיפער אָפּגרונט,
געווען איז יעדעם מויל.
געשריגן האָט אַ גרויל,
צום פאַרטויבן יעדן אויער:
„הייל היטלער!"

— — — — — — —

ווי פון כישוף
זיינען שטעט און דערפער
איינגעפאַלן,
מיט די דעכער און די ווענט.
אַלטע תורות, נייע ביכער,
אין די שייטער־אויוונס
געוואָרן נאָר אויף אַש פאַרברענט.

פאַרשקלאַפט זיי האָבן
איין פאָלק נאָך אַ צווייטן
באַרויבט, דערנידעריקט,
פאַרקנעכט.

עס האָבן קניעס זיך געבויגן,
פאַרמאַכט עס האָבן זיך די אויגן:
עס האָט זיך קיינער ניט געוועקט...

עס האָבן בערג די הויכע,
מיט גראַניט,
דאָס שווייגן אין זיך ווי פאַרקלעמט.
געשטאַנען זיינען ביימער
מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן,
פול מיט בושה,
זיך געשעמט . . .

דאָס וואַסער אין דעם טייך
צעשפּריצט זיך האָט מיט פּינע,
באַרירנדיק אַ שטיין;
טראָפּנס רויטע, בלוטיקע,
האָבן אין זיך מיטגעטראָגן
אַ פאַרדומפּענעם געוויין.

עס האָבן וואָלקנס טונקעלע,
איןברייטן הימל, בלויען,
די זון די ליכטיקע
פאַרשטעלט.
עס האָט די לופט געדיכטע,
דורכשוועבנדיק פאַרביי
דעם אויער,
געקרעכצט מיט ווײ
און מיט אַבלדיקן טרויער

אויף דעם פּאַריטומטן,
צעשטערטן לעבן אויף דער וועלט!...

— — — — — — — —

מיט באַזונדערער פאַראַכטונג,
מיט ברענענדיקן אימפּעט
אין זיך
און אין יעדן איינעם,
געקאָוועט און געשמידט —
זיי האָבן גאָר אָן אויפהער,
אָן עקלדיקע שנאה,
מער ווי צו אַלע פעלקער,
צו איין פאָלק —
דעם ייד!

זיי האָבן אים געשלאָגן,
אין פּנים אים געשפּיגן,
די קליידער אים צעריסן,
אים מיט געלער פאַרב באַשמירט...
די עלטערן מיט די קינדער,
ווי שאָף און ווי די רינדער,
געיאָגט זיי און געטריבן,
מיט פאַרמאַכטע אויגן
צו דער שחיטה זיי געפירט.

אליין זיי האָבן
זייער קבר אויסגעגראָבן...
באַנעצט מיט שוויים פון שטערן,

און דורך די גרויסע באַנקעס טרערן,
זיינען אויגן אויסגערונען...
ווען געשטעלט זיי אין דער ריי
אויפן בערגל, ביי דעם ראַנד,
מיט דעם קליינעם קינד אין האַנט,
זיינען האָפנונגען אַנטרונען...
אין ברוסט אַ שאַרפער שטאָך,
אין האַלדז, דער אָטעם ענג מיט ווײ.
עס האָט די קויל אין לונגען
אויסגעהוילט אַ לאָך.
און מיט דעם לעצטן אויסגעשריי,
דער קערפּער מאַכטלאָז
פאַלט אַרונטער אין דעם גרוב,
דעם צוגעגרייטן . . .

— — — — — — —

נאָר די ערד — נישט קאָן פאַרדייען!
זי הויבט זיך, אָטעמט שווער עדיין,
מיט פיל ווייטיק און מיט צער —
דאָס הייליק אָרט פון באַבי יאַר...

טרעבלינקע

(דאָס הייליקע אָרט פון 900,000 יידן)

עס האָבן הויכע טענענבוימער,
מיט געדיכטע בלעטער, גרינע,
דאָס מיאוסע מערדער־פּנים
פון פאַרשאָלטן אָרט,
פאַרשטעלט . . .
אַרומגעצוימט און אָפּגעזונדערט
מיט אַן אייזן־שטעכיק דראָט ;
מען האָט דעם סוד באַהאַלטן
פון דער גאַנצער, גאָרער וועלט...

— — — — — — —

מיט פאַרקלאַפּטע טיר און פענצטער—
קיין לופט, קיין ליכט, קיין שיין,
זיך געטראָגן האָט די באַן,
אין דער פינצטער־חושכדיקער
„ווייט” אריין . . .
ווי אַ שד אַן אויסגעטראַכטער,
מיט אַ מאַנטל אויף די אַקסל,
האָט דער שוואַרצער רויך
די ריינע לופט צעשאַרט
פון דער האַלבער נאַכט.

די מאַסן, ענג צונויפגעפּרעסטע,
ווי הערינג אין אַ פאַס ;
דער שווייס האָט געוואַשן
מיט טראָפּנס שווער־געדיכטע,
פּריסיק־הייס און נאַס.

עס האָבן שעה'ען זיך געצויגן,
ווי יאָרן לאַנגע,
אין דעם וועלט-באַנעם,
די מורא האָט דעם מאַרך געזויגן,
דאָס הארץ — דעם ציטער
האָט געהאַלטן אין אַ קלעם.

דער צוג האָט שווער געאָטעמט,
עס האָט אַ קוויטש די לופט צעריסן,
און פּלוצלונג אויפגעוועקט די נאַכט.
געבליבן זיינען שטיין די רעדער,
אין קראַמף געציטערט
האָבן גלידער...
עס האָט פאַרגליווערט דער געוויסן.
עס האָט די „ענד" צום „ציל"
געבראַכט . . .

מיט געקנאַל און קלינג פון קייטן,
צעפּראַלט די טירן,
האָט די באַן.
ווי צערייצטע כוואַליעס אויפן ים
האָבן מאַסן, האַלב-דערשטיקטע,
ווי עופות אָפּגעפליקטע,
זיך אַרויס פון באַן געריסן!
מיט מיילער האַלב צעעפנט,
צו כאַפּן און געניסן

דעם זימן טעם
פון דער לופט דער ריינער!
עס איז אין באַן געבליבן קיינער.

דער הויף איז לאַנג און ברייט,
דער פּאַרקן הויך,
ניט מיט דער האַנט דערלאַנגען.
אַ שטיקנדיקער ריח,
געדיכט איז אומעטום פאַרשפּרייט,
וואָס שמירט די נאָזלעכער,
מיט געוואַלד ער קריכט
אין מויל.
אַ קאַלטער גרויל
איז אין יעדן קערפּער דורכגעגאַנגען...
דער געוויסן דייטשלעך
האָט געזאָגט:
„דער סוף פון לעבן איז נישט ווייט!"
עס האָבן הערצער „איכה'ס"
אויסגעקלאָגט...
געפילט דעם טויט דאָ ביי דער זייט.

— — — — — — —

און באַלד פון ערגעץ,
פון אַ טיפן אָפּגרונט,
האָט אַ בת־קול שטרענג באַפוילן,
ווי אַ מעסער — שאַרף און גלאַט:
„מענער פון די פרויען אָפּצוטיילן!

אראָפּוואַרפן פון זיך
די קליידער און די שיך!
צו בלייבן ווי די מאַמע האָט געהאַט!
מען דאַרף זיך וואַשן ריין,
אין וויטן וועג צו גיין! . . . ״

— — — — — — —

און עס עפנט אויף זיך באַלד
אַ טיר,
אַ ריזיק־ברייטע טיר,
און פון דאָרט, פון טיפן אינגעווייד
עס הערט אַ קול זיך וואַגיק,
שווער:
„אהער! אהער!״
יעדנס האַרץ האָט הויך די ברוסט געהויבן,
געבריט האָט יעדנס אויג
אַ טרער.
מיט געוויין און מיט געשריי,
דעם אויער צו פאַרטויבן,
האָבן קינדער זיך געגראָבן
אין דער מוטערס ברוסט.
און די מאַמעס,
שטאַרק געדריקט זיי מיט די הענט,
און נישט געוואוסט,
און נישט געקענט,
מיט זייער העכסטן ווילן,

דעם ציטער פון זייער לייב,
און פון דעם קינדס,
גאָר איינצושטילן . . .

עס האָבן, ווי מיט כישוף,
דורך דער הוילער לופט,
פון דער „אויסדערוויילטער ראַסע",
מענטשן-מערדערס זיך באַוויזן,
ווי ריזן,
פון אַן אויסטערלישער וועלט,
מיט אַ צפונדיקער קעלט,
און מיט אַ זיכערן געוויסן
די קינדער פון די מוטערס הענט
אַרויסגעריסן!
פאַר די פיסלעך זיי געכאַפּט,
די קעפּלעך קליינע
אין די ווענט צעקלאַפּט!
אַוועקגעשליידערט אין אַ זייט,
פון דעם לעבן זיי באַפרייט!
— — — — — — —

די טיר נאָך זיי,
די ברייטע טיר,
מיט גרילץ און מיט געשריי,
געוואָרן איז פאַרריגלט
און פאַרמאַכט!
ווי שוואַרץ און פינצטער
איז די נאַכט! . .
— — — — — — —

אין די אויגן שמאַרצט,
אַ פייער ברענט.
נישטאָ קיין לופט מער פאַר די לונגגען.
מאַכטלאָז פאַלן אָפּ די הענט,
עס ציִען זיך אַרויס די צונגען,
עס שטופּט דאָס בלוט,
עס פּלאַצט די הויט,
זי ווערט פון גוף אַראָפּגעשונדן...

— — — — — — —

עס טאַנצט מיט פרייד אַרום
דער טויט,
מיט גיפט, מיט סם,
ער לעקט די וואונדן!...

— — — — — — —

אָ, מענטש! אָ, האַר פון פּלאַנעט ערד!
ווי טיף אין אָפּגרונט
וועסטו זינקען?
ווי לאַנג וועסטו פאָכען מיט דער שווערד?
מיט בלוט זיך קוויקן
פון טרעבלינקע?

הירָאשימאַ

(אויגוסט 6ט, 1945)

געווען איז עס מיטנאַכט.
די לופט האָט געאָטעמט
אַזוי גרינג און געלאַסן.
די שטאָט האָט געדרימלט.
דאָס ליכט פון די לאָמפּן
האָט פרייליך געשפּילט זיך
אין דעם אַספאַלט,
אין דעם נאַסן
פון די כמעט ליידיק
פאַרלאָזענע גאַסן.

ביי דעם טונקעלן ראַג,
ביי דער זייט,
באַמערקנדיק גאָרניט די צייט,
זיך האָבן נפשות
מיט דאָרשטיקע לוסטן
געטאָן זיך מיט ליפּן באַהעפטן.
און אייניקע טונקעלע שאָטנס
זיינען פאַרביי דורכגעלאָפן,
אַזוי ווי בסוד זיך געטראָפן,
בגנבה פאַרהאַנדלט געשעפטן...

דער פאַרגאַנגענער טאָג,
מיט גערויש און גערודער,
די חושים פאַרמאַטערט
פון זען און הערן,

געווען זיינען מיד פון דעם גוף
אַלע גלידער...
דאָס פאָלק, איינגעוויקלט
אין אַ שלאָף, אין אַ שווערן...

דורך דעם טאָג, דורך דעם גאַנצן,
ביז שפּעט אין דער נאַכט,
פאַר דעם אָטעם, פאַר אָפּרו,
קיין צייט ניט געבליבן,
די פירנדע מאַכט
האָט געיאָגט און געטריבן,
אויף יעדערן שפּאַן.
זי געטאָן האָט באַגלייטן:
מען זאָל מערער, אַלץ מערער
באַשאַפן, פאַרגרייטן ! ...

געהערשט האָט מלחמה אין לאַנד,
דער שונא געווען איז גאַנץ נאָענט
ביי שטאָט, ביי דעם ראַנד.

און... גאַנץ הויך, דאָרט, איבער
די מוראדיקע וואָלקנס געדיכטע,
געשוועבט האָט אַ פויגל,
מיט אויגן און פליגלען
דורך מענטשן געמאַכטע ...
ער האָט האַרט, אַזוי פינקטלעך,

דעם וועג אָנגעהאַלטן.
נאָר, פּלוצלונג . . .
מיט שאַרף פון אַ שווערד,
אין אַ דורכריים צווישן די שפּאַלטן,
ווי פּייל פון אַ בויגן,
דורך וואָלקנס אַרונטער!
און זיכער, און מונטער,
דער פויגל געשוועבט האָט דאָ,
איבער הער וואַסער און ערד.
מיט בלאַנק אָנגעשטרענגט פון די אויגן,
דערזען ער האָט די שטאָט,
אויף דער פלאַך אויסגעצויגן,
אין שלאָף איינגעוויקלט,
מיט אַ צודעק פון נעפּל,
אין חלום אַ שווערן. . .
ער שטיל און געלאַסן,
פון קיינעם און גאָרניט ניט הערן,
ער האָט געעפנט דאָס טירל, דאָס קליינע,
און די משא אַרונטערגעוואָרפן.
נאָר שנעל און געשווינד
איז דער פויגל פון פּלאַץ
באַלד אַנטלאָפן . . .

— — — — — — —

אַ בליץ האָט באַלויכטן
דעם גאַנצן אַרום,

אין הארץ פון דער שטאָט,
האָט עס פינקטלעך געטראָפן.
און בלאָס איז געוואָרן דער דרויסן...
די לופט, אָן אַן אָטעם,
געוואָרן איז שטום . . .
די שטאָט האָט אַ ציטער געטאָן...
עס האָט זיך די ערד אָנגעהויבן
באַלד שפּאַלטן,
און טיפע געעפנט זיך
פינצטערע לעכער...
געגראָבן זיך האָבן
פון גאַסן אַספאַלטן,
געפאַלן עס זיינען די ווענט
און די דעכער...

פון ערגעץ דאָס פייער האָט באַלד
זיך באַוויזן,
מיט ברענענדע צונגען,
געשמאַק איינגעשלונגען
האָט אַלץ, וואָס געשטאַנען אין וועג...

עס האָבן די שאָטנס,
ווי מעכטיקע ריזן,
געשטופּט און געאיילט זיך,
ווי אין אַ געיעג:
עס זיינען געפלויגן אין לופט,

דער געדיכטער,
פיל שטיינער און ציגל,
מיט מענטשן־געזיכטער.
אַ קינד מיט אַ וויגל,
פיל קעפּ מיט דערשראָקענע אויגן,
פון גוף אָפּגעריסן,
זיינען אַרום ווי געפלויגן,
די ליפּן געביסן...
ס'האָט אַלץ זיך פאַראייניקט
אין טומל, געפּילדער:
די שטאָט האָט געגאָסטט
אין יללה אַ ווילדער!...

קיין צייט ניט געווען גאָר
נאָך הילף וואו צו רופן,
קיין צייט ניט געווען גאָר
צו שרייען;
די לופט האָט געדונערט
מיט מעכטיקע קולות און רעש.
די שטאָט איז געוואָרן
פאַרניכטעט אין איין כהרף־עין.
אויפן אָרט איז געבליבן בלויז
איין קופּע אַש...

— — — — — — —

די קויטיקע גאַזן,
אָנגעפילטע מיט רויך,
געריסן זיך האָבן אַרויף,
צו דער הויך.
באַשאַפן עס האָט ייך
אַ מעכטיקער שוואָם,
וואָס פאַרשטעלט האָט דעם קבר,
אַזוי ווי אַ צאָם! ...
דער ווינט, נאָר אַליין,
האָט אַרומגעשפּאַצירט,
געוויינט און געקלאָגט.
אַ קללה ער האָט
מיט אַ כאָר אָנגעפירט,
און קדיש געזאָגט! ...

די מענטשהייט אפילו
וויל קדיש ניט זאָגן...

ווי שטיל איז דער מדבר
אין שטילע פאַרנאַכטן!
אין שטילקייט קענסט הערן,
זיך אַליין טראַכטן.

די לופט אַזוי ריין איז,
אין אַלע פיר זייטן,
און דעם האָריזאָנט דו
קענסט זען פון ווייטן.

דו קוקסט אַריין טיף
אין ליכטיקן הימל,
די שטערן דאָרט בלישטשען,
זיי מאַכן אַ טומל...

נאָר... פלוצלונג דו זעסט
ווי שאָטנס דאָרט שוועבן,
צעבלוטיקט, באַפלעקטע,
באַרויבטע פון לעבן...

די שאָטנס אָן קערפּערס,
זיי שוועבן צוזאַמען:
אַ מאַן מיט זיין פרוי,
אַ קינד מיט דער מאַמען...

פון טויזנטער, טויזנטער,
אייגענע ברידער,
עס שוועבן אַרום
צעקאַליעטשעטע גלידער...

עס שוועבן אום אויגן,
וואָס קענען ניט זען...
עס שלעפּן זיך פּיס נאָך,
וואָס קענען ניט גיין.

עס וואַרפן זיך הענט אום,
וואָס קענען ניט פילן,
עס כליפּען געוויינען —
זיך קענען ניט שטילן! ...

און אונטער זיי ציט זיך
א כמאַרע פון רויך;
עס בויגט זיך, עס קנייטשט זיך
אזוי פריש, אזוי ווייך.

עס בלאָזן זיך ספערן,
אזוי רונדע, ווי באַנקעס,
און שאַרף, ווי א שווערד,
אַרום דער געשטאַנק איז! ...

ווי איבלדיק פילט זיך
דער גערוך פון די גאַזן,
פון פאַרניכטונג-פאַבריקן,
קאָנצענטראַציע-באַזן!

דאַכאַו און מאַידאַנעק,
אוישוויטץ, טרעבלינקע,
וואו סם מיט דעם וואַסער
געמאַכט זיי צו טרינקען...

פאַרנאַרט זיי זיך וואַשן,
אין קאַלך זיך באָדן,
די לייבער — מיט פונקען
געברענט און געבראָטן...

ווי פיאַווקעס זיי האָבן
די בלוטן געזויגן;
עס האָבן נשמות
אַרויף זיך געצויגן.

זיי וועלן קיין פלאַץ שוין
פאַר זיך מער געפינען,
עס וועלן לבנות
פאַרבייטן די זונען...

עס לויפן די יאָרן,
זיי לויפן און יאָגן!
אין לופט, דאָרט פון אויבן,
די שאָטנס זיך טראָגן.

עס הערט זיך אַ כליפּען,
געוויינען און קלאָגן,
און די מענטשהייט אפילו
וויל קדיש ניט זאָגן...

— — — — — — —

די ערד האָט פאַרדעקט עס,
די וועלט ניט געדענקט עס;
דאָס וואַסער אין ימען,
פון ברעגן פאַרשווענקט עס...

דאָס פאָלק מיט נסים

ווען קוקסט אריין אין דער געשיכטע,
ווען הויבסט אָן מישן אירע בלעטער,
באַגעגנסט וואָלקנס דאָרט געדיכטע —
די דינאַסטיעס פון געטער.

אַזוי וואו די כוואַליעס פון די ימען,
דערטרינקען אײן פאָלק נאָך אַ צווייטן,
אײנגאַנצן ווישן אָפּ די שטאַמען
און פאַרקײַטלען זײ אין קייטן.

עס האָט געשיכטע ניט פאַרשריבן
די יענע ימען, יענע ערדן,
קיין אות אפילו נישט געבליבן
פון יענע פעלקער און די ווערטן.

נאָר בלויז איין פאָלק אין דער געשיכטע
גייט דורך די שבעה מדורי גיהנם,
דעם קאָפּ דערהויבן, ווי מיט ווירדע;
אים פאַרניכטן זײ ניט קענען!

געבענטשטע מיט אַזוי פיל נסים:
אַמאָל, די נאַכט האָט זיך באַהאַלטן,
אַמאָל, פון „שטעקן" אַ געוויסן,
האָט זיך ברויזן־ים געשפּאָלטן.

און ערגעץ, אין דעם נעכטן,
אויף אַ באַרג, אויף דער עקדה,
מיט נס, זיין זון פון שעכטן
האָט אָפּגעשטעלט דער עלטער־זיידע!

דער פירער, ווען האָט הענט געהויבן,
די שלאַכט געווען איז דאַן געוואונען.
געציייטיקט האָבן אין גאָרטן טרויבן ,
און מילך, האָניק איז גערונען...

אַן אייגן לאַנד מען האָט פאַרשפּראָכן,
די גרענעץ פיל מאָל אָפּגעשלאָסן,
נאָר מ׳האָט דאָס וואָרט פיל מאָל געבראָכן,
פאַר דעם פיל בלוט מען האָט פאַרגאָסן.

און אייבעט, נאָך דעם היטלער־חורבן,
וואָס וועט זיך קיין מאָל ניט פאַרהיילן,
ווער קען וויסן יעדן קרבן?
ער וועט זיין נס שוין ניט דערציילן...

דאָס פאָלק געשפּאַנט האָט איבער לענדער,
געווען פאַרנאַרט אין פילע נעצן.
מיט גאָלד, בריליאַנטן, פילע בענדער,
גערייצט עס האָבן פילע געצן!

מען האָט געפייניקט און געשלאָגן,
פיל יחידים, אויך דעם קהל,
דאָס קול, מיט ווירדע, האָט געשריגן:
„איך בין אַ ייד! אני ישראל!”

מ׳האָט מוט געבאָרגט דאַן ביי ישעיהן,
און אויך מיט אייגן בלוט און כוח,
און אויך מיט נסים מן שמים,
און אויך מיט „וויסן” אין דעם מוח!

מען איז צוריק אין לאַנד געקומען!
און דאָס לאַנד איז אונדזער אייגן!
עס מעגן שטורעמען „פֿרומען",
מיר וועלן מער שוין זיך ניט בייגן!

און אויך „זעקס טעג", די געווייסע,
געציטערט האָט דער ים אויף ברעגן.
געזוען נצחונות, ווי מיט נסים,
געטאַנצט די לופֿט האָט אויף די וועגן.

עס איז נישטאָ שוין וואו צו לויפֿן,
פֿאַרמאַכט עס זיינען אַלע טירן!
מיר זיינען מער שוין ניט צום טויפֿן,
און ניט מיט פֿאַרבן צו פֿאַרשמירן!

ניט זאָל דעם שונאס שנוק מער נורען
אין אונדזער זאַמד, אויף אונדזער באַרג!
ווייל אונדזער ווינט קען אויכעט בורען,
און פּראַקטיק בריען אַזוי שטאַרק!

מיר וועלן מער די קייט ניט טראָגן!
און אויכעט מער מיר קיינמאָל וועלן,
ווען די ערשטע באַק איז שוין געשלאָגן,
די צווייטע באַק — גאָר אונטערשטעלן!

אַ צאָן פֿאַר צאָן, און אויג פֿאַר אויג!
און, אפשר, צען מאָל, מיט פּראָצענטן!
נאָר קיין מאָל מער מיט קאָפּ קיין בויג!
און ניט מיט רוקן אין די לענדן!

און נאָר מיט שטאָלץ און וואַכע אויגן
מיר וועלן וועלט אין פנים קוקן.
דער פחד איז אַוועקגעפלויגן,
און פאַר קיין מענטש זיך מער ניט בוקן!

זאָל שלום נאָר דעם וועג פאַרשפּרייטן,
און זיין זאָל ווילן ביי די שכנים,
דאַן פריינדשאַפט וועט געוויס באַגלייטן,
און קיין מורא נישט פאַר קיינעם!

מען קען דאָס פֿאָלק שוין מער ניט שרעקן

און עס האָט געטראָפֿן:
ווען פֿון די קומענס האָט דער רויך
פֿון דעם אָרום פֿאַרפֿילט די שפּאַלטן,
זיך געצויגן האָבן צו דער הויך,
גאַנצע בערג מיט מענטשלעכע געשטאַלטן...

מ׳האָט אויפֿגעשלאָסן אַלע שלעסער,
געעפֿנט האָבן זיך די טירן.
די שיין פֿון ליכט האָט זיך באַוויזן,
זיך אַלץ האָט אָנגעהויבן רירן...

עס האָבן זיך געהויבן קברים,
סקעלעטן האָבן זיך געשטעלט אין רייען,
געפֿלאָסן זיינען ימען טרערן,
עס האָבן אָנגעפֿילט די לופֿט געשרייען.

געקוקט עס האָבן אויגן־לעכער,
געריררט זיך האָבן הענט און פֿיס,
און ברוסטן־ביינער,
ניט באַשיצטע מיט קיין שירעם־דעכער,
עס איז ניט אָפּגעשטאַנען קיינער...

די שרעק, וואָס איז געבליבן הענגען,
דאָס בלוט פֿון די פֿאַרשפּריצטע ווענט,
אין אָנגסטן, אויסגעקרומטע רוקנס,
מיט קייטן, די פֿאַרדרייטע הענט.

אויסגעהוילטע, טיפע קרעכצן,
וואָס האָבן העלדזער שטייף פאַרצויגן,
און די מאַמעס, מיט די קעפּ געבויגן,
פאַר געשענדטע טעכטער אין די אויגן...

געמישט עם האָבן זיך געשטאַנקען,
מיט דעם רויך פון דעם קוימען,
מיט פאַרחלשטע געדאַנקען —
און זיך געצויגן צו די רוימען...

געשפּאַנט אויך האָבן אבאַזשורן,
פון איידעלע און בלאַסע הויטן,
וואָס די מערדערס האָבן אָפּגעשונדן,
מיט לעצטן אָטעם ביי דעם טויטן...

די שווערע, שטיקנדיקע לופט
איז אויך דאָ מיטגעגאַנגען.
דער מאַרש געצימבלט האָט מיט טענער
פון קדיש טרויעריק געזאַנגען...

דורך פיל לענדער און ישובים,
דער מאַרש האָט זיך געצויגן,
געוואַרט וואו אויף אַ מיטלייד שמייכל,
ווער ס'זאָל אָפּווישן די טרערן פון די אויגן...

נאָר קיינער האָט ניט אויסגעשטרעקט די האַנט אפילו,
און קיינער ניט געזאָגט אפילו האָט „שלום"!
צו תשליך אויסגעטרייסלט אַלע זינד, ווי אין אַ תפילה,
און אַלעם איז אַוועקגעשוואומען מיטן שטראָם...

אזוי, דורך טונקעלע פאַרנאַכטן,
און שטאָק־פינצטערע פאַרטאָגן,
פאַרמינערט מיטן גלויבן
אין פאַרלוירענעם בטחון,
אויף פליגלען פון דעם ווינט,
זיי האָבן זיך געטראָגן . . .

די אויוונס פון דאַכאַו,
אָשוויענטשים און מאַידאַנעק,
מיט די שמערצן, מיט דעם פּיין,
האָבן אויך דאָ מיטגעשפּאַנט —
ביז אָנגעקומען זיינען זיי,
פאַרמאַטערט און פאַרפייניקט,
אין דעם ישראל־לאַנד.

דאָ . . . דער מדבר האָט געשמייכלט,
מיט דער זון, דער נגב האָט געברענט;
זיי זיינען אויף די קני געפאַלן,
זיך איינגעגראָבן מיט די נעגל פון די הענט...

עס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די בערג,
דעם ווייטיק און די טרערן,
דעם טרויער און געוויינען,
וואָס קיינער ניט געוואָלט האָט
אין ערגעץ הערן . . .

פעטער איז דער באָדן איצטער,
די שפּע בליט אויף די פעלדער,

זיך ציען בלומען אויף די וועגן,
עס ווערן ביימער ברייטער אין די וועלדער.

עס טאַנצן אין אַ ראָד די קינדער,
מיט פרייד עס אָטעמען די לידער.
עס גלאַנצן אויגן פול מיט לעבן,
און ווייך בויגן זיך די גלידער.

— — — — — — —

עס מעגן בייזע הינט אַרום דאָ בילן,
און בייטשן דראָטענע זיי טרייבן;
מען קען דאָס פאָלק שוין מער ניט שרעקן —
דאָס פאָלק ישראל וועט שוין דאָ פאַרבלייבן ! ! !

געדאַנקען און שטימונגען

איך בין קיין שעקספיר

איך ווייס דאָס גאַנץ גוט, אַז איך בין קיין שעקספיר,
איך בין ניט קיין שעלי, איך בין ניט קיין בייראָן.
איך ווייס דאָך, אַז עפּעס איז יאָ דאָ אין מיר,
אַז דאָס וואָס איך בין, איז באמת כדאַי זיין.

איך ווייס: ווען איך זיץ מיר אַליין אין דער שטיל,
אַז עפּעס דאָ רוימט מיר אַ סוד אין מיין אויער.
און טיף אין מיין וועזן איך האָב אַ געפיל:
עס עפענען ווענט ברייט דאָ פאַר מיר אַ טויער.

איך זע דאָרט דעם הימל, דעם באַרג און דעם טאָל.
איך זע ווי עס אָטעמען, וואַקסן דאָרט בלומען.
איך הער ווי עס זינגען דאָרט פויגלען אָן צאָל,
ווי פלייסיק עס אַרבעטן בינען און זשומען.

איך זע... ווי דער שקלאַף פאַר דעם מלך זיך בוקט,
אָדער פאַר אים, ווי אַ דראָט ער טוט שטיין.
איך זע, ווי דער שטאַרקער דעם שוואַכן פאַרצוקט,
דערנאָך, ווי פאַרכישופט, ער טוט זיך דאָרט דרייען.

איך גאַר זייער שטאַרק אויף מיין פשוטער שפּראַך,
אַ וואָרנונג אַ שטרענגע צו אַלעמען געבן:
די פרוכט פון דער ערד מוז מען טיילן אויף גלייך!
ווייל קורץ, זייער קורץ, איז דאָס ערדישע לעבן!...

עס ווייטיקט אין מיר דער געדאַנקען־באַוואוסט,
אַ טרער ווערט אַ שטילע אין האַלדז מיר פאַרשלונגען.
עס רירן זיך סטרונעס ביי מיר, אין מיין ברוסט;
געוואָלט וואָלט אין לידער איך אַלעם אויסזינגען.

דיין מוטער

זי האָט אויסגעוואָרעמט דיך
אין איר אינגעווייד,
נאָך איידער דו האָסט דערזען
פון טאָג די שיין.
זי האָט געמורמלט שטיל
אירע הייליקע תפילה־רייד,
פאַר דיין גאַנצן לעבנס־זיין...

באַלד, נאָך דיין ערשטן קוויטש,
נאָך דיין ערשטן „גוואַלד"־געשריי,
נאָך דעם עכאָ־הילך,
אין איר פאַרשוואונדן זיינען
אַלע אַנגסטן־וויי;
זי האָט געשטילט דיין דאָרשט
מיט איר זיסער מילך.

זי האָט געוואַשן און געבאָדן
דיין יעדן אבר,
אויסגעקושט דערביי.
זי האָט געוואונטשן:
זאָלסט געזונט זיין און געראָטן,
און זיין זאָלסט
אין דיין גאַנצן לעבן פריי!

זי האָט אָנגעצייכנט דיר,
דיין ערשטן שפּאַן...
אין דיר געציטערט האָט
דיין קינדערשער פאַרשטאַנד.

אַ הערקוויקנדיקע פרייד
האָט אויסגעשריגן: „מאַם"!
ווען זי האָט אָנגעכאַפּט
דיין וואַקלדיקע האַנט . . .

דערנאָך:
ווען ביסט אַוועק פון היים,
פאַר אַ טאָג, צי פאַר אַ נאַכט,
מיט אַ פרומען, הייליקן געבעט,
מיט אַ שטילן, שלוקערצן געוויין,
זי האָט דיך
ביים פענצטער אָפּגעוואַרט.

זי האָט באַשיצט דיך
פון די ערשטע שרעקעוודיקע ווינטן;
מיט איר קערפּער,
פון אַלע רשעות דיך פאַרשטעלט;
מיט געפילן העכסטע
דיך מיט איר פאַרבונדן
און מיט זיי דו שפּאַנסט אום
אויף דער וועלט . . .

דו באַגעגנסט אויף דיין וועג
פון אונדזער לעבן,
דו דריקסט די הענט
פון מער צי ווייניק,
גוטע פריינט,
נאָר קיין איין און איינציקער פון זיי
וועט ניט דיר געבן,
דאָס, וואָס עס האָט געגעבן דיר
דיין מאַמעס האַנט!

אַ פּענאַמען

דאָרטן, ערגעץ צווישן וועגן,
צעאַקערט איז אַ פעלד—
און באַלד מיט זוימען מען פאַרזייט.
און פון ערגעץ קומט אַ רעגן—
מיט געשמאַק אַזוי ער גייט.
עס באַווייזט זיך באַלד, אַ העלד—
מיט קאַלירן פול אַ קווייט.

בינען פליען אום און זשומען,
זינגען אוים אַ ליד פון ליב,
מען קען הערן זייער פרייד!
זיי טאַנצן אום אויף קעפּ פון בלומען,
זיי לעקן אָפּ פון זיי דעם שטויב,
און פאַרמישן עס צוזאַמען—
עס ווערן זוימען דאַ פאַרזייט...

עס בלאָזט אַ ווינטל אין דער לופטן,
עס דרייט זיך און עס טאַנצט,
און עס גלעט פון באַרג די קרוין,
באַלעקט מיט זוימען פון דעם גאָרטן,
רייצט דער שטויב אָן מיט אַ טרוים...
און פול מיט לעבן, פול מיט גלאַנץ,
עס הויבט אָן וואַקסן דאָרט אַ טרוים...

* * *

נישט קיין ברויט און נישט קיין חלה,
אוודאי נישט קיין פליש, קיין רייז,
און אויך קיין ווייסע מילך נישט;

איינגעדאַרט די אבֿרים אַלע!
דער דראַנג נאָך נאַרונג, דראַנג נאָך שפּייז,
איז שוין אַלט דאָ, אַזוי מיד,
נאָר דאָך אין ברוסט דער פונק נאָך גליט.

די אויגן סטאַרטשען זייער גרויע,
דער הונגער קוקט דורך זיי אַרויס.
און די באַקן — הויט און ביין.
די ליפּן, גאָר ווי בלאַטערס בלויע,
אָנגעשוואָלן, זייער גרויס...
מיט דעם ציטער פון געוויין,
זיי פאַרשטעלן אַלע ציין!..

איינגעשרומפּן די געדערים,
נאָר געשוואָלן איז דער בויך.
ער ציילט דעם שווידער און דעם גרויל...
פון וואַנען קומען דאָרט די ווערעם?
זיי קריכן דורך די לונגען,
און זיי קריכן דורכן מויל,
און זיי לעבן אַזוי וואויל?!

* * *

אין אַ לאַנד דאָ, פול מיט וואונדער,
פול מיט אייזן און מיט שטאָל;
עם בלישטשעט גאָלד דאָ אומעטום —
דאָ זאָל שפּאַצירן פריי דער הונגער?
באַפליגלען טויזנטער פיל קינדער?

זיי האַלדזן אַלע, מיט איין מאָל,
אונ באַהערשן דעם אַרום?

נאָר... מען פאַרשטעלט דאָס בילד, דאָס מיאוסע,
מיט אַ מאַסיווער, דיקער וואַנט.
און מען וואַרפט אויף דעם קיין ליכט...
און זיי הויבן גאָרניט אָן צו וויסן
פון דער חרפה, פון דער שאַנד.
דערצו, עס שמייכלט דאָס געזיכט,
און עס איז רואיק דער פאַרשטאַנד...

די גאַס אין אַ מאָדערנער שטאָט

מען זעט קיין מענטש ניט אויף דער גאַס,
משוגע לויפן אום נאָר רעדער...
מען קלייבט צוזאַמען שטיקלעכווייז
דאָ זייער אָפּט דעם מענטשנס גלידער...

מען וואַרפט צוזאַמען: פיס און הענט,
דעם קאָפּ, די לונגען און די ביינער
ס'איז שמאָל דער קאַסטן, האַרט די ווענט—
מען דעקט זיי צו מיט שטיינער.

און אָן אָן אָפּשטעל, אָן אַ האַלט,
עס לויפן רעדער, זיי זיך טראָגן
עס ריזלט בלוט אַריין אין שפּאַלט,
און קרעכצן, טרויערן און קלאָגן...

אַמאָל, די גאַס געווען פאַרפילט,
אין מיט פון נאַכט, אין טאָג דעם מיטן:
עס האָבן מענטשן געשפּאַצירט,
מיט הענט און אויגן זיך פאַרביטן...

געקלונגען האָט דאָס מענטשלעך וואָרט
צו הער הויך פון די ספערן;
עס איז געוועזן געבענטשט דאָס אָרט,
דעם מענטשנס לשון דאָ צו הערן.

אצינד:
מען זעט קיין מענטש ניט אויף דער גאַס,
משוגע לויפן אום נאָר רעדער,
און זיי שניידן פּאַס נאָך פּאַס,
מיט געפילדער און האַרמידער.

די לופט געווען איז אַזוי ריין
דערקוויקן לונגען — אַ מחיה!
גענוג פאַר אַלע, גרויס און קליין,
ביי טאָג, ביינאַכט, די לופט אַ נייע...

געעפנט פענצטער און די טיר,
צו זיך אין הויז ווי אַ גאַסט פאַרבעטן.
און געקוויקט זיך אָן אַ שיעור—
ווי מיט גראַמען די פּאָעטן.

אצינד:
עס איז מיט סם די לופט פאַרסמט...
עס עסט דעם מאַרך פון אַלע גלידער.
מען זעט קיין מענטש ניט אויף דער גאַס—
משוגע לויפן אום די רעדער!...

קאָנוואולסיעס

עס איז שוין ווייט אַוועק די צייט,
נאָר זיך איינשטילן ניט קאָן די ערד.
פונקט ווי זיך צאַפּלט פרישע פלייש
נאָך דעם שאַרפן שניט פון שווערד...

די רינגען קייקלען זיך אַרום,
דער אָטעם קורץ און ציטערט.
פונקט ווי דער בליץ אין מיט פון רוים,
ווערט פלוצלונג דאָרט צעשפּליטערט.

די פונקען מאַכטלאָז פאַלן אומעטום,
עס ווערט באַשפּריצט די לופט מיט פייער.
פון די קוימענס שוואַרצער רויך
שפּרייט זיך אויף דער גאַס, צושטייער...

דער מענטש איז אָנגעפילט מיט שרעק.
ער דענקט נאָך אַלץ: ס׳איז דער סוף געקומען.
און ווינקל ער באַהאַלט זיין קאָפּ
נאָר דאָרטן אויך ער הערט דאָס ברומען...

עס איז קאַלט אין אים דאָס בלוט,
זיין האַרץ אין ספּאַזמעס ציטערט.
פאַרצויגן ווערט דאָס האַרץ מיט דראָט,
דער געדאַנק איז אים דערשיטערט.

„עס קאָן דאָך קומען נאָך אַמאָל,
און איבערחזרן זיך ווידער,
זיך וועלן בויגן וועגט פון שטאָל...״—
עס ציטערן אין אים די גלידער. . .

עס קאָן בפירוש איצט דאָך זיין:
דער היינט זאָל זיין אַ קרבן פאַר דעם **שפעטער**. . .
דער מענטש איז ניט געגאַן אין שפּאַן
און נקמה נעמען אַלע געטער. . .

אַ פונק

עס וועט פאַרבלאָזן
אין געדאַנק אַ פונק,
און עס הויבט אָן
גליען.
עס שפּריצן פייער־שטראַלן,
ווי פון אַ פייער־צונג,
און עס הויבט אָן
בריען.

עס צינדן זיך
די ווענט אָן דאָרט,
און אַלעס הויבט אָן
ברענען...
דער גאַנצער שכל,
מיט זיין גאַנצער סוויטע,
פאַרלעשן דאָס ניט קענען...

נאָר. . .
עס קומען וועטער באַלד
און שטעלן זיך אין ריי,
אין זיך זיי זאַפּן איין
די פלאַמען.
דאָס פּאַפּיר באַלד
ווערט אַ שניי,
און מען לעשט עס אָפּ
צוזאַמען. . .

עס אַנטפּלעקט זיך דאָ
אַ בילד,
ווי דורך אַ טויער.
מיט קאָלירן פּול,
ווי פון אַ רעגנבויגן,
מיט קלינגענדיקע ווערטער
פאַר דעם אויער,
מיט הנאה גרויסער
פאַר די הונגעריקע אויגן!...

אַ פאַרבאָרגענער ווינקל

ס׳איז גוט צו שפּאַצירן
אויף וועגן די ברייטע:
עס יאָגן און לויפן
די רעדער פאַראויס.
דו הערסט ווי עס פּאָלגט
דאָרט איין קלאַפּ נאָך אַ צווייטן,
פּונקט ווי דאָס האַרץ דיר
דעם אָטעם קלאַפּט אויס.

דעם שוואונג איינצוהאַלטן,
דו שטייף האַלטסט דאָס רעדל,
מיט קראַפט, מיט אַ שטאַרקער,
דו ביסט אין גערצנגל...
און ווי דורך דעם סמיטשיק
אויף סטרונעס פון פידל,
זיך הערן אַרום דאָ
פאַרכישופטע קלאַנגען.

די ביימער, די גראָזן,
ביים זייט פון די וועגן,
און ווייטער — די בערג דאָרט,
די קעפּ הויך פאַרריסן...
עס זינגט דאָ אַרום
אַ פאַרכישופטער ניגון.
דאָ ליגט איינגעבאַקן
אַ פאַרבאָרגענער ווינקל.—

פון די זעקס טעג בראשית —
די וועלטן באַשאַפן,
און אַלעס אַרום־דאַ,
עס האַלט זיך צוזאַמען.
און אפשר גאָר ליפן
נאָר האַלטן אין פּייפן...
עס קלאַפּט, ווי אַ ליד גוט,
די סטראָפן אין גראַמען.

און אפשר... דאָס אַלץ איז
געוואָרן פאַרקנאָטן,
מיט הייוון, ווי טייג,
איז געוואָרן פאַרזויערט.
עס איז אויפגעגאַנגען,
ס'איז אַלץ גאַנץ געראָטן.
און שטאַרק ווי עס האַלט זיך,
אַ לעבן עס דויערט.

נאָר דו אַלץ פאַרטרייבסט עס
צו הויכע די הימלען.
אפשר אויף שפּעטער,
פּילייכט גאָר אויף מאָרגן!
די רעדער זיך לויפן,
דער מאָטאָר טוט זיך טומלען,
זאָל עמיצער אַנדערש
פאַר דעם זיך דאָרט זאָרגן!

ס'איז גוט צו שפּאַצירן
אויף וועגן די ברייטע!
עס יאָגן און לויפן
די רעדער פאַראויס.
דו הערסט, ווי עס פאָלגט נאָך
איין קלאַפּ דאָרט אַ צווייטן,
אַזוי פונקט ווי דאָס האַרץ דיר
דעם אָטעם קלאַפּט אויס.

אויף אַן אַנדער פּלאַנעט

איך נישטער אום דעם גאַנצן הימל,
מיט בלישטשענדע אַזוי פיל שטערן;
איך וואָלט געוואָלט זיי איבערציילן,
און ציילן זיי בין איך גאַנץ גערן.

נאָר אין אַ נעץ איך ווער פאַרפּלאָנטערט,
ווי אין אַ וואַלד, מיט דיקע צווייגן,
די בלעטער דאָרט די ליכט פאַרשטעלן,
די קעפּ — אויף טרעפּ צום הימל שטייגן...

און קלאָר דערזע איך אויף אַ פּלאַנעט,
דאָרט ערגעץ־ווייט צווישן שטערן,
אַזאַ ווי איך — בעל־חי, אַ וועזן,
שטייט אויך אַצינד פאַרטיפט אין קלערן...

און האַרציקע ער שיקט מיר גרוסן —
די ענדלאָזע דורך ווייטע רוימען,
זיי האַלדזן זיך מיט די געפילן
פון מיינע נעפּלדיקע טרוימען.

אויך ער, ווי איך, דאָרט, צווישן שטערן,
אַלץ זוכט דעם אמת אין דעם חלום...
ער אויך האָט מורא צו דערוואַכן
צום עכאָ־קלאַנג: „הבל־הבלים”...

דער זייגער לויפט...

און ווען דו ביסט פארנומען,
און ווען דו האסט קיין צייט,
דער זייגער לויפט מיט שעהן,
אנטלויפט גאר זייער ווייט.

נאר ווען דער שלאף גאר וויל ניט קומען,
און ס'איז די מיט פון נאכט,
דעם שלאף דו האלטסט אין מאנען,
דיין בליק דעם זייגער נאר באוואכט.

זיין אטעם האלט אין זשומען,
עס קלאפט אזוי זיין פולס צום טאקט.
נאר די ווייזערס — ניט זיי קומען.
עס איז דער וועג פאר זיי פארהאקט.

כאטש ס'לויפט דער ווייזער פון סעקונדן,
די מינוטן רירן זיך נאר קוים.
פארשרויפט דער ווייזער פון די שטונדן,
ער איז פארטיפט גאר אין א טרוים.

און די ליגסט אזוי א מידער,
נאר די אויגן זיינען וואך;
עס פלעכטן זיך דאן לידער,
דורך דעם קוימען פונעם דאך...

דער מענטש ווערט טויב און בלינד

דער רעש און געפילדער
פאַרטומלט דעם אויער.
אין מענטשלעכן לשון
זיך ענדערן קלאַנגען,
דורך דעם אויך די פאַרבן
פון ליכט ווערן גרויער.
מיט אַ פאַרהאַנג דער בליק
פון דעם אויג ווערט פאַרהאַנגען.

נישטאָ מער דער ווייכער,
זיידענער פאָדעם.
די פינגער ניט ווילן מער
גלעטן די קליידער:
ס'איז אַלץ האַרט, אַזוי שאָרסטיק,
ס'פאַרכאַפּט דיר דעם אָטעם.
ניט אָנרירן גאָר דאָס —
דו גיסט זיך אַ נדר.

נישטאָ מער די ווייכקייט
אין מענטשנס געפילן;
מיט האָר זיינען הענט
און פאַרגרעבט זיינען פינגער.
זיי ציען פאַראויס זיך
מיט שנאה־פול צילן,
צו לויבן דעם פירער,
צו בענטשן דעם זינגער.

מען גייט איבער גאַסן
מיט „געַנדזוענע" שפּאַנען...
מען שרייט אויף אַ קול,
אַזוי אַלע, ווי איינער!
עס פליען די קוילן
פון דאָרטן, פון דאַנען,
פאַרשפּרייט זיינען וועגן
מיט פייער און שטיינער.

ווי ביליק עס זיינען
די מענטשלעכע לעבנס!
מען רעכנט מיט טויזנט
קרבנות פאַר איינעם.
מען קויפט פאַר זיך איינעט
צו שטיקלעך „גן־עדן"...
מען שטעלט אויף דעם קבר
אַ הילצערנעם צלם . . .

און ווידער: געפילדער
פאַרטומלט דעם אויער.
אין מענטשלעכן לשון
זיך ענדערן קלאַנגען.
דורך דעם אויך די פאַרבן
פון ליכט ווערן גרויער.
מיט פאַרהאַנג דעם בליק
פון דעם אויג ווערט פאַרהאנגען...

אַ סוד

עמיצער פּאַטשעט אַ בייטש
אַזוי שאַרף...
עס פּייפּט אַזוי שאַרף צו די לופט.
מען שפּאַנט איבער גאַסן, זיך דאַכט,
פּונקט ווי מען דאַרף...
פון ווייטן אַן עכאָ
שטרענג דאָרטן רופט . . .
נאָר פּלוצלונג —
עס בלייבט אַלעס דאָ שטיין,
ווען די ליכט, אויף דעם ראָג דאָרט,
פּלוצלונג ווערט רויט.

יעדער איינער: גרויס גאָר, צי קליין,
ער פּלוצלונג דערזעט
דעם פּנים פון טויט . . .
און אויב עמיצער דאָרט אַ קרבן גאָר פאַלט,
דאָס האַרץ אַזוי קלאַפּט . . .
מען פאַרלירט קיין מינוט,
עס יאָגט זיך דאָס בלוט,
און די ברוסט דעם אָטעם באַלד כאַפּט.

אַזוי נאָר מען שפּאַנט,
און אַזוי גאָר מען יאָגט,
פּונקט ווי עמיצער דאָרט טרייבט!...
ווער עס קרעכצט,
און ווער עס קלאָגט —
אַ סוד נאָר אויף אייביק
פאַרבלייבט . . .

עמיצער דרייט דאָ די ראָד

עמיצער דרייט דאָ די ראָד
און עס דרייען זיך טרעפּ.
ווער עס קריגט אַ קוש
און ווער עס כאַפּט די קלעפּ . . .

ווער עס שפּאַנט אַרויף
און ווער עס פּאַלט אַראָפּ,
ווער ס'פאַרברענט זיין האַרץ,
און ווער ס'פאַרלירט זיין קאָפּ.

עמיצער דרייט די ראָד—
און האָט נאָך צו דיר טענות:
פאַרוואָס דו שטייסט ניט גלייך
און קענסט ניט זיין קיין שמש...

פאַרוואָס דו בויגסט ניט איין די קני,
פאַרוואָס דו בויגסט ניט איין דעם רוקן,
פאַרוואָס דיין טרער גאָר רינט מיט ברי—
פאַרוואָס ניט אויגן זיינען טרוקן ...

מענטשלעכע גערעכטיקייט

עס לויפט אין גאַס דאָרט אַ מאַשין,
זי לויפט דאָרט מיט פיל אימפעט ;
באַגעגנט דאָרט זיך מיט אַ קינד,
וואָס שטעלט די פיסלעך אַזוי שטומפיק.

די „גרויסמאַכט” פון דער וועלט
ניט האָט די צייט דעם אָטעם כאַפּן.
דער מאַשין ניט האָט פאַרפעלט
קיין אָטעם-צוג פון הארצן כאַפּן.

געלאָפן איז זי שנעל־געשווינד,
זי אָפגעשניטן האָט אַ לעבן.
עס וויינט די מאַמע פון דעם קינד,
אַ ריכטער האָט אַ לויב געגעבן. . .

עס ווערט צו שפּעט

דער נביא רעדט, דער נביא וויינט;
דאָס פֿאָלק אים הערט, דאָס האַרץ פֿאַרשטיינט.

דער בלויער הימל איז באַנעמט,
דער ווינט אין שפּאַלטן ווערט פֿאַרקלעמט.

דער נביא קלאָגט אין גרויסן טרויער,
דאָס פֿאָלק פֿאַר דעם פֿאַרשטעלט זיין אויער.

עס קלאָגט ביים נביא די נשמה —
עס איז שוין נאָענט די סכנה.

דאָס פֿאָלק עס לאַכט, דאָס פֿאָלק עס טאַנצט,
זיין אויג פֿאַרשיכורט איז מיט גלאַנץ.

דער נביא בעט, דער נביא שרייט,
זיין קול פֿאַרטראָגט זיך ערגעץ ווייט.

עס פֿליט אַוועק מיט דעם די טויב...
דאָס פֿאָלק בלייבט דאָ, דער אויער טויב.

עס טרינקט דאָס פֿאָלק דעם סם צו זעט,
עס לויפֿט די צייט, עס ווערט צו שפּעט...

דער עמער

איך צי דעם עמער פון דעם ברונעם,
עס רייסט זיך איבער גאָר דער שטריק,
נאָר איך כאַפּ זיך אָן באַלד ביי די עקן
און איך פאַרבינד דאָס באַלד צוריק.

איך צי דעם עמער, כ'בויג דעם רוקן...
עס איז שוין נאָענט, דאַכט זיך מיר,
נאָר דער עמער איז גאָר טרוקן.
פול מיט לעכער אָן א שיעור!

נישט געגוג...

עס איז נישט גענוג
ווען די זון שיינט אין פענצטער אריין;
דו שטרעבסט אויך די שטראלן דערפילן!

נישט גענוג איז צו
קוועטשן פון טרויבן חעם וויין;
דו ווילסט אויך דיין דורשט מיט אים שטילן.

נישט גענוג איז
צו זיצן אין שאָטן פון בוים,
אין שטילע פארנאכטן און דרימלען,
עס זאָל זיך פארווירקלעכן, ווילסטו, דער טרוים,
ווען שווימען דו זאָלסט אין די הימלען.

עס איז נישט גענוג
פאַר דעם נאקעטן גייסט נאָר אליין,
די הנאה דיין גוף זאָל הערפילן...
דו ווינטשסט:
דיין געדאַנק זאָל דאָס אויבעט פאַרשטיין.
געזעטיקט זאָל אויך זיין דיין ווילן!

עס ווילט זיך אזוי שטארק גלויבן

דער מענטש וועלכער שעלט,
איז צו א ווארעם געגליכן.
דאס ליכט איז פארשטעלט,
אין אפגרונט בלויז קריכן.

די קללות זיינען הארט,
זיי פאלן ווי שטיינער,
די לופט ווערט פארדארט,
און עס ציטערן ביינער.

עס קוקט ארויס א שרעק,
ווען דער כעס ווערט צעוויקלט
די טויב פליט אוועק,
די זוים ווערט צעברעקלט.

דער מענטש, וועלכער בענטשט —
עס איז זיין קול אזוי ווייך.
די לופט עס פארפילט
ווי פון בשמים דער ריח.

דער מענטש, ווען באדאנקט,
דער מענטש איז דערהויבן.
ער דאס העכסטע דערלאנגט,
ער ווערט איז צו לויבן.

ווי ליב די זון שיינט,
עס גלאנצן די שויבן.
דער מענטש לויבט און ער דאנקט,
עס רייפן זיך טרויבן.

ווי ליב די זון שיינט,
עס איז ליכטיק דער היינט,
און עס ווילט זיך אזוי שטארק
צו גלויבן!

מיין הייליקער בטחון

איך האָב און איך גלויב,
אַז די צייט וועט נאָך קומען,
ווען אויסלייטערן וועט זיך דעם מענטשנס געדאַנק;
דער מענטש וועט געזונט זיין,
רייך מיט ליבע און בלומען:
זיין גייסט וועט מיט שנאה שוין מער ניט זיין קראַנק.

די זון וועט נאָר שפּרייטן
די ליכטיקע שטראַלן
אויף דעם אָנגעצייכנטן ערדישן וועג;
און מענטשלעכע פריידן,
דורך לעבנס קאַנאַלן,
וועלן פליסן כסדר דורך נעכט און דורך טעג.

די „קין"־געפילן
צו טויטן זיין ברודער,
וועלן ווערן דערטרונקען אין געשיכטעס תהום;
דער מענטש וועט פעסט האַלטן
פון לעבן דעם רודער—
צו שלוה ושלום וועט נאָר זיין זיין טרוים!

פשוטע ווערטער

כ'האָב ליב זיך מיט פשוטע ווערטער צו שפּילן,
זיי ערלעך דערציילן געדאַנקען' געפילן.

מיט שאַרפע און פאַסנדע פאַרבן זיי מאָלן
די שפּיצן פון בערג און די טיפקייט פון טאָלן.

דאָס וואַסער, וואָס ריזלט און שניידט דורך די טיפן,
די גלאַטקייט פון ים, וואו עס גליטשן זיך שיפן.

די פרייד פון דער זון, ווען זי שניידט דורך דעם מאָרגן,
דעם מערב אַן אוונט, וואָס פול איז מיט זאָרגן.

די פשוטע ווערטער — זיי אָטעמען לעבן,
אין קעפ פון די ביימער צו דער הויך ווען שטרעבן.

ווען בלומען צעעפענען ברייטער די בלעטער,
צו איינזאַפּן טוי פון דעם נאַכטיקן וועטער.

ווען גראָזן זיך בויגן, ווען ווינטל טוט גלעטן
די פשוטע ווערטער אין פען פון פּאָעטן.

עס בלאָנדזשען שאָטנס אום אָן צאָל

ווי שיין עס איז די מיט פון נאַכט!
די לבנה שמייכלט און זי לאַכט,
מיט וואונק פון אויג זי אַלץ באַטראַכט.
עס ליגט די גאַנצע וועלט אין פּראַכט.

די בערג זיך סודותן מיט טאָלן,
דאָס בילד מיט וואונדער אויסגעמאָלן.
דער האָריזאָנט איז אַזוי גלאַט,
ווי פון העם בוך אַ ווייסע בלאַט.

עס בלאָנדזשען שאָטנס אָן אַ צאָל:
יונגע שאָטנס, ערשט פון היינט,
זיי זיינען מיר נאָך ניט באַקאַנט,
מיט זיי אויך אַלטע פון אַמאָל.

פאַרשטעלט זיי האָבן די געזיכטער,
מיט זייערע טונקעלע וואַלן.
עס איז שוין אַלץ פאַר זיי פאַרפאַלן!
פאַר זיי פאַרפאַלן די געשיכטע,
ווייל ווער וויל דערמאָנען אַ שאָטן?
ווען אמת-לעבעדיק געשטאַלטן,
אונטער שאָטנס זיך באַהאַלטן.
זיי שפּאַנען אום, נאָר ניט מיט גוטן,
דעם גאַנג פון נאַכט זיי דאָ פאַרהאַלטן.
נאָר רציחה און גזילה,
מיט דעם ריח פון נבלה,
דער שיינער נאַכט זיי געבן.

און ערגעץ הערט זיך אַ געוויין,
ניט נאָר פון דער נאַכט אַליין,
נאָר פון אָרום, דעם גאַנצן לעבן.

אין יענע טעג, מיין פריינט

(לויט דזשין ראַסקין, פון ענגליש)

אין יענע טעג: געווען זיינען מיר קינדער.
אין יענע טעג, אָט־דאָ, גאָר ערשט ניט לאַנג.
געשפּאַנט מיר האָבן נאָך, ווי שאָף און רינדער;
געווען איז גאָר ניט זיכער אונדזער גאַנג . . .

אַ יענע טעג, מיין פריינט,
די זון האָט דאַן געשיינט
אויף דעם געראַמען, אויסגעשפּרייטן וועג,
געשמייכלט האָט פון ווייט,
אַליין עס האָט די צייט;
צו דיר געשמייכלט האָבן אַלע טעג!

עס זיינען טרוימען הויך אַרומגעשוואומען
אין קאָלירן ליכטיקע אין רוים;
געלאָפן זיינען יאָרן און געקומען —
זייער שטראָם באַמערקט מיר האָבן קוים.

געדאַכט האָט זיך: עס וועלן מויערן די ציגל
אַ בנין פול מיט ליבע און מיט פרייד,
נאָר ווען באַמערקט מיר האָבן זיך אין שפּיגל —
מיר האָבן ניט דערקענט זיך, ניט געגלויבט!

זאָל זיין, אַז אַלץ געווען איז גאָר אַ חלום
אַז דער געדאַנק האָט אַלעם אויסגעטראַכט,
כדי ביי זיך אַליין צו האַלטן שלום?
דער שאָטן שטייט דאָ ביי דער זייט און לאַכט...

אצינד די קעפּ, ווי אַפּגענאַרטע קינדער,
געבויגן נידער פאַר דעם זון־פאַרגאַנג ;
די הערצער פול נאָך מיט אַזוי פיל וואונדער,
ווי אין יענע טעג, אַט־דאָ, גאַר ערשט ניט לאַנג...

אָ, יענע טעג, מיין פריינט!
די זון האָט דאַן געשיינט
אויף דעם געראָטן, אויסגעשפּרייטן וועג.
און מיטגעשלעפּט מיט זיך
דעם „היינט" זיי האָבן גיך,
צום „נעכטן" דאָרט, מיט אַלע יענע טעג!...

יענער וועג

עס טרעפט: מען קערעוועט אָפּ פון וועג,
און שוין מען שפּאַנט אויף צווייטן ברעג...

די זון, די וואַרעמט און זי שיינט,
ווי פריילעך, ליכטיק איז דער היינט!

אַזוי עס גייט אַ יאָר נאָך יאָר.
עס דאַכט: מיט לעבן ביסט אַ פּאָר...

נאָר פּלוצלונג ווערט דאָ עפּעס ענג,
עס ווערט די לופט דאָ אַזוי שטרענג...

עס וואַרפט אַ כוואַליע ווייסן שוים,
עס ווערט דערטרונקען באַלד אַ טרוים...

און דו דערמאָנסט זיך אין „אַמאָל",
און דו געדענקסט דעם באַרג, דעם טאָל...

דעם רויש פון וואַסער ביי דער מיל,
און אויך די נאַכט דאָרט אין דער שטיל.

געדענקסט דעם טאַטן־פּאַטריאַרך,
די מאַמע שטענדיק אויף דער וואַך...

די ברידער, שוועסטער... אַזוי ווייט,
דאָס האַרץ מיט בענקשאַפט ווערט באַנייט...

עס טוט דיר עפּעס אַזוי באַנג,
פאַרוואָס דו ביסט אַוועק שוין לאַנג!

און דו וואָלסט וועלן גיין צוריק,
צעבראָכן הינטער דיר די בריק...

דו שולדיק פילסט פאַר אַלע טעג,
וואָס ביסט אַראָפּ פון „יענעם וועג"...

מיין יוגנט איז שוין לאַנג אַוועק

מיין יוגנט איז שוין לאַנג אַוועק,
נאָר אַלץ עס בענקט זיך אָן אַן עק.

דער הימל איז נאָך טיף און בלוי.
און דאָרט איך זע אַ שיף, גענוי...

און איך אויף שיף דעם רודער האַלט,
מיט דעם די כוואַליעס איך דאָרט צעשפּאַלט.

עס איז גאַנץ היימיש דער אַרום.
איך הער אַ קול, וואָס רופט מיך: „קום"!

די שיף, זי שווימט אַראָפּ, אַרויף.
איך הער אַ קול, וואָס רופט מיך: „לויף!"

איך לויף געשווינד און אויך איך שפּרינג.
איך הער אַ קול, וואָס רופט מיך: „זינג"!

מיין קול איז הויך — דאָרט אויף דעם באַרג.
איך הער אַ קול, אַז ס'איז נאָך קאַרג . . .

עס לויפט די שיף און איך בין מיט איר,
איך זינג אַריין מיין קול אין איר.

עס פּלאַצט די שיף... אַ האַרטער שטיין.
און אויס מיט שיף, איך בלייב אַליין . . .

דאָ און אין שטעטל

דער צעמענט-גאַנג אין גאַס
איז ווי אייז אַזוי גלאַט —
אַזוי גרינג איז צו שפּאַנען.
עס טראָגט דיין געדאַנק דיך
אַריבער, דאָרט ווייט,
אַוועק ערגעץ דאָרטן —
פון דאַנען,
צו דער גאַס פון דעם שטעטל.
עס טאָפּטשען זיך פיס אין דער בלאָטע,
פאַרפלעקט זיינען שיך,
פאַרשפּריצט די קאַפּאָטע.
מיט אַ הילצערנעם ברעטל
דו לייגסט דאָרט אַ בריקל.
דו שטעלסט דאָרט דיין פוס,
נאָר עס זינקט גלייך דער שטיוול.
עס רייסט זיך אין ברוסט
אַ רחמנות-געוויין.
אין גאָרער דער וועלט
דו פילסט זיך אַליין . . .

און דאָ —
דו שפּאַנסט אויף צעמענט-גאַנג, עס קלאַפּן אָפּצאַסן.
עס קלינגט אָפּ דער עכאָ,
דאָרט ווייט, איבער גאַסן.
דו ווייט ביסט פון שטעטל —
נאָר עס נאָגט דיך אַ טרויער:
דאָרטן די בלאָטע —
דאָ דראָעט דער מויער...
ער ציט זיך צום הימל,
דאָס האַרץ אין דיר ציטערט.
ער בויגט זיך און פאַלט,
דיין קאָפּ ווערט צעשפּליטערט...

ליכט־בענטשן

עס הענגט אַ בילד דאָ אויף דער וואַנט,
פון לאַנג צוריק דאָס מיר דערמאַנט.

עס בענטשן ליכט
צוויי צאַרטע הענט,
דער שאָטן פאַלט בלאַס
אויף די ווענט.

פאַרדעקט דאָס פּנים
מיט אַ טוך,
און שטיל עס מורמלען
ליפּן גיך.

די מאַמע גלויבט,
די מאַמע בעט,
מיט אירע הענט
דעם פלאַם זי גלעט . . .

דערנאָך איר פּנים
ביי איר שיינט,
זי איז זיכער
מיט איר היינט ! . . .

צוליב וואָס איז באַשאַפֿן
דער מענטש און די וועלט?

איך זינג ניט דערפֿאַר,
וואָס פֿול איז מיין ברוסט
מיט פֿרייד און געלעכטער.
איך זינג מיט פֿיל ווייטיק און צער,
פֿון מיין רו דער צעשטערטער.

זיי לויפֿן אַרום
סיי ביינאַכט, סיי בייטאָג,
איבער גאַסן,
מיט שוים אויף די ליפּן,
ווי שטום,
מיט אויגן וואָס האַסן.
זיי שרעקן, זיי שלאָגן,
זיי טויטן אַ פֿריינט און אַ שכן,
אין שפּעטע פֿאַרנאַכטן,
צי אין פֿריע פֿאַרטאָגן.
זיי שפּאַנען אַרום דאָ
מיט גאווה, ווי העלדן.
אַ יום-טוב ביי זיי איז
ווי פּונקט אין דער וואָכן.
איז צוליב דעם גאָר
באַשאַפֿן געוואָרן
דער מענטש און די וועלט?

קלאַנגען פון טרויער

איך זינג מיט די קלאַנגען פון טרויער,
מיט ווײ און מיט שמאַרץ אין מײַן ברוסט.
אָבער איך פיל ווי איך בוי אויס אַ מויער,
און העכער צו לייגן די ציגל איך גלוסט.

איז אָבער דער בנין נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט,
ער פאַלט אויפן פנים און קערט זיך גאָר איבער,
צעשמעטערט די ציגל אַזוי פונקט ווי שטענדיק...
דער חלום פאַרשווינדט באַלד, אַוועק און אַריבער...

איך האָב ליב...

איך האָב ליב דעם פרייען דרויסן,
מיט די ווייטע האָריזאָנטן.
איך האָב ליב די ברייטע לאָנקעס
מיט די גרינע גראָזן.

איך האָב ליב דעם בלישטשענדיקן גאָרטן
מיט די לעבעדיקע בלומען,
ווי זיי גלאַנצן, שעמערירן
אין די טויזנטער קאָלירן.

איך האָב ליב די ביימער, די פאַרשעמטע,
ווי זיי האַלטן נאָר אין שווייגן,
זייער נאַקעטקייט באַדעקן,
ווען זיי שפּרייטן אויס די צווייגן.

איך האָב ליב צו שפּאַנען איבער גאַסן
און צו וואַנדערן אויף וועגן,
פאַרציען טיף דעם אָטעם
אין דעם לויטערן פרימאָרגן,
אָנפילן די לונגען
מיט דער לופט נאָך ניט פאַרסמטער.—
איך האָב ליב צו גיין דער זון אַנטקעגן!

איך האָב ליב דעם „איצטער",
דיווירקלעכקייט, דעם היינט.
איך האָב ליב צו אויסשטרעקן מיין האַנט,
איינהאַלטן אַ בינטל זונען־שטראַלן;
ווייל עס לויפט געשווינד
אַוועק די צייט,
און אַלץ וועט זיין דערנאָך
פאַרפאַלן...

ווי גוט עס איז...

ווי גוט עס איז,
ווען אין גאַנץ הויכן פרימאָרגן
דו עפנסט אויף די אויגן,
און דורך דעם פענצטער קוקסט אַרויס
צו דער ליכטיק־שיינער וועלט.
עס בענטשט די זון מיט ליכט
איבער גאָר דעם ערדישן געזיכט.
דער אָרום איז ברייט און גרויס,
און דער גאַנצער דרויסן קוועלט!

און דאָרטן ווייט,
דער גאַס אַריבער,
די לופט איז לויטער, אַזוי לער.
דאָס ווינטל שפּילט זיך מיט די בלעטער
און טרייבט אַרום זיי
דאָ אַהין און דאָרט אַהער.
דו הערסט דאָס מורמלען פון די גטער,
ווי אויף דעם ראָג דעם גאַס־פּאַרקער...

די לופט אַרום טוט פּאָדעם וועבן,
פון גינגאָלד בלישטש
און ליכט־קאָליר.
נישטאָ קיין פראַגן אין דעם לעבן;
אַלץ קלאָר אַזוי
עס זעט צו דיר!

עס הויבט די ברוסט זיך,
דער אָטעם ציט זיך אַזוי גרינג:
איך שטרעק די הענט אויס
צו דעם מזרח
און איך זינג...

ווי שטיל זיינען קלאַנגען

מיר ליב איז צו הערן,
ווי עס פאָרן זיך גראַמען,
פאַר מיר — איז אַ הייליקייט
אין זיי פאַראַנען.

שטיל זיינען קלאַנגען,
דער סטיל אַזוי גלאַט;
עס ציט זיך הער פאָדעם
פון בלאַט צו אַ בלאַט.

מען דאַרף גאָרניט דרייען
אַהין און צוריק.
ווי פריי זיינען ווערטער —
עס בינדט זיי קיין שטריק.

דער באַדייט איז אַ קלאָרער,
פאַר יעדן צו זען.
מיין געדאַנק זאָל נאָר וועבן,
דער גראַם זאָל נאָר גיין . . .

מען מיינט ניט דיך

דאָרטן ערגעץ האָבן זיך פאַרלאָשן שטראַלן,
מילא־וואָס — נישט דיינע גאָר,
עס איז פאַרפאַלן . . .

דאָרטן ערגעץ האָט אַ מענטש זיין פּוס צעבראָכן.
ווייסעך־וואָס — עס טרעפט
אין יעדן טאָג פון וואָכן . . .

ערגעץ־וואו דאָרט איז אַ מענטש געשטאָרבן . . .
מילא־וואָס —
עס דאַרף דאָך זיין אַמאָל אַ קרבן ! . . .
און מען מיינט ניט דיך, פאַר זיכער,
דו פאַרגעס דאָס שנעל און גיכער!

נאָר ווען עס קומט שוין ריכטיק אָן דיין צייט —
דו האָסט געדענקט: עס איז נאָך ווייט . . .
דו ביסט דערשטוינט . . . דו קענסט ניט טראַכטן:
נישטאָ קיין צייט שוין מער צו וואַרטן . . .

עס ווילט זיך האָבן אַ גיטאַר

אָפּט מאָל וואָלט איך וועלן
איך זאָל האָבן אַ גיטאַר,
אויסציממבלען פון הארצן
מיין ווייטאָג און מיין צער.

אומגיין וואָלט איך איבער גאַסן,
איבער שטעט און איבער וועגן,
איך וואָלט געצימבלט אויף די סטרונעס
אַ נביאישן אַ ניגון.

קיין באַשטימטן פּלאַץ געהאַט
וואָלט איך אויף נעכטיקן, צי טאָגן;
אויף דער ערד געוואַנדערט וואָלט
און געהאַט אַזוי צו זאָגן:

דו שטעל זיך אָפּ, אַ מענטש!
און נעם זיך צייט צו טראַכטן:
אַ דור אַוועק, אַ דור קומט אָן,
וואָס אין „שפּעטער" קענסט דערוואַרטן?

זע ווי שטייף דו דריקסט צום ברוסט דיין שפּיז,
מיט הייסער ליבע האַלדזט דיין שווערד;
די רויטע בלוטן פון אַ פריינד
זאַפּט איין אין זיך די שוואַרצע ערד...

דו האָסט מיט גאַז פֿאַרפּילט די לופֿט,
פֿאַרמישט מיט סם דו האָסט דאָס וואַסער.
עס שרעקט דער הימל אַזוי גרוי,
די האָריזאָנטן ווערן בלאַסער...

קערפּערס וואַלגערן זיך אום:
דאָ אַ קאָפּ, און דאָרט אַן אבר;
די גאַנצע ערד איז אומעטום
איין אַלגעמיינער קבר...

אַ מדבר פּוסט, און ווילד, און ליידיק,
וועט קיין נאַרונג מער דיר געבן!
דו אַליין פֿאַרניכטעט האָסט
אויף דער ערד דעם מענטשנס לעבן! ...

אַ שמעטערלינג

דער שמעטערלינג פליט,
דער שמעטערלינג פלאַטערט,
עס כאַפּט קוים דעם אָטעם,
עס זעט אויס פאַרמאַטערט.
דאָס קוים וואָס מען זעט,
דאָס קוים וואָס מען הערט.
אָט דאַכט: עס איז דאָ,
אָט באַלד גאָר ניט ווערט.

ס'איז גאָר ניט קיין חילוק,
ווייל אַזוי ווערט פאַרטיליקט
אַ הונט, וואָס איז יונג,
אַ מענטש, וואָס איז אַלט.
עס רעכנט זיך ניט
אַפּנים — געשטאַלט . . .

ערשט נאָר וואָס געאָטעמט,
אויף וועגן געשפּאַנט;
נישטאָ מער קיין מאָרגן,
אויך נישט מער קיין היינט . . .

כבד את אָביך

FATHER'S DAY

אַזוי בפירוש שטייט געשריבן.
נאָר דאָס לעבן לויפט אַזוי געשווינד,
און עס שלעפּט דיך מיט אַזוי דער ווינט,
די טעג אײנגאַנצן זײנען זיבן...

און אַזוי פאַרשידן זײנען וועגן!
מען גייט, מען לויפט און אויך מען פאַלט.
ווער קען געדענקען אַ געשטאַלט? —
דאָס גליק — עס קומט ניט אָפּט אַנטקעגן!

דער „היינט" פאַרזונקען ווערט אין „נעכטן".
דער „מאָרגן" שמייכלט אַזוי פרעך.
פאַרדומפּן ווערט דער קלאַנג פון בלעך;
מען שפּאַנט אויף וועג אַזוי באַשערטן.

נאָר פּלוצלונג — היינט, אין טאָג באַשטימטן—
מען קויפט אַ נאַטיכל, אַ העמד.
מען לויפט צום טאַטן ערגעץ אין דער פרעמד,
צו אָנכאַפּן דעם פאָדעם און פאַרבינדן...

„וואָס מאַכסטו, טאַטע?" — מען טוט פרעגן.
ביי אים דאָס פּנים רויטלט מיט פאַרדרוס...
עפּעס ווייטיקט אים אַ פוס,
און ער איז ניט צופרידן.

און די אויגן זיינע פרעגן:
„וואו ביסטו ביז איצט געווען?
איך האָב געגאַרט אַזוי דיך זען!
ביסט ניט געקומען מיר אַנטקעגן!"

נאָר אויך דער טאַטע האָט פאַרגעסן,
אַז ער האָט אויכעט גאָר אַליין,
זיין טאַטן זעלטן ווען געזען —
און אַז מען קאָן ניט מיטן לעבן זיך פאַרמעסטן —

אַזוי מען זיצט אַ פּאָר מינוטן,
מען קוקט אויף ווייסער וואַנט,
מען כאַפּט אויף שנעל דעם טאַטנס האַנט
און מען זאָגט צו אים: „אַ גוטן!"

דו רעד צו מיר ייִדיש

דו רעד צו מיר ייִדיש,
דו גיב מיר דיין האַנט.
עס ווערט אַזוי היימיש,
מען פילט זיך ווי פריינט.

ס'איז זיס, אַזוי טייער
יעדעס אות, יעדער קלאַנג.
געווען איז נאָר ייִדיש
דעם טאַטנס געזאַנג.

דו דאַרפסט מיר ניט זאָגן
דעם נאָמען פון טאַטן.
איך זע די פאַרטאָגן,
דעם מזרח, דעם מאַטן.

עס גייען געשטאַלטן
אַדורך אויף דער בינע,
פון צעוואָרפענע שטעטלעך,
פון דער אוקראַינע.

עס לויפן און יאָגן
מיט רויש די יאַרידן.
פאַרשמאַיעט, פאַרהאַוועט
עס זיינען די ייִדן.

דאָס הויז מיט פיל קינדער—
נאָר ציכטיק די היים;
די מאַמע, מיט וואונדער,
פאַרגעלט עס מיט ליים.

כאָטש תמיד די מורא
פליט אום אומבאוואכט,
מען קנעלט איין די תורה,
מען זינגט און מען לאַכט.

דער שבת איז הייליק,
פון טאָג יעדער שעה,
און איבער דעם שטעטל
עס שוועבט אום די רו.

דו רעדט צו מיר יידיש —
עס טוען פאָדעם זיך וועבן.
ס׳איז גאָר ניט קיין חידוש:
עס דערציילט פון אַ לעבן.

עס דערציילט פון אַ פאָלק,
וואָס האָט געציטערט אין ספּאַזמעס,
געקרענקט האָט אָן אויפהער,
אויף שווינדזיכט און אומעט . . .

געלעבט האָט אין קעלערס,
אין נעץ און אין קעלט —
נאָר געהאָפט צו דעם הימל,
צו דער זון, צו דער וועלט.

גערעדט האָבן יידיש
אויף קידוש־השם
אונדזערע קדושים,
אין פלאַם און אין ברען. . .

געקומען איז יידיש
אין לאַנד פון די אָבות,
און יידיש וועט בלייבן —
דו מאַך ניט קיין טעות!

דו רעד צו מיר יידיש,
עס גיט מיר פיל מוט.
דו רעד צו מיר יידיש —
כ'האָב באַצאָלט מיט מיין בלוט...

ווען עס קומט אַ פריינט...

ווען עס קומט אַ פריינט צו מיר,
ברייט איך עפן אויף די טיר.

איך העפלעך בעט און לאַד אים איין
אין מיין באַשיידן הויז אַריין.

עס שמייכלט ליב צו אים דער דיל,
און אויך די סטעליע אַזוי פיל.

צו אים, פון בילדער אויף די ווענט,
די בליקן זיינען אַנגעווענדט.

אַ שמייכל אויף מיין פנים אויסגעשפּרייט;
די ליפן זיינען פול מיט פרייד.

דאָס קול מיינס פריילעך, ווי עס זינגט
הויך אין דער לופט די עכאָ קלינגט.

און איך האָף: דער גאַסט — דער פריינט,
וועט זיין צופרידן מיטן היינט.

איך האָב ליב מײַן אײגן הײם

איך האָב ליב מײַן אײגן הײם,
איך האָב ליב דעם פֿאָרהאַנג
אויף דעם פֿענצטער,
פֿון די װענט די װײַסע לײם.
װי ציכטיק און זױ רײַן,
װאָס װײַזט דאָס שטובעלע
דאָס קלענסטע.

איך האָב ליב די טיפֿע סטעליע,
װאו עס בלאָנדזשען מײַנע טרױמען —
מיט דער לופֿט זיך דאָרטן שפּינען,
מיטן רויך זײ אַנטרינען,
דאָרטן, אױבן, דורכן קױמען.

איך האָב ליב די טיפֿע סטעליע,
װאָס זאַפּט אײַן אין זיך געדאַנקען,
װאו זײ װערן דאָרט פֿאַראַנקערט . . .
און אַ צװײטן מאָל צו װעמען
איך קען באַראָטן זיך צו קומען.

איך האָב ליב דעם דיל דעם שטילן,
װאָס גלעט װײך מײַנע שפּאַנען,
און נעמט אָן מיט גוטן װילן
די װאָג פֿון גוף און די געפֿילן,
װאָס מישן זיך צוזאַמען.

איך האָב ליב מיין שטילע היים,
אַוועק פון רעש און פון געפילדער.
פון די שאַרף־געפאַרבטע בילדער,
וואו דער מענטש מיט זיין געביין
ווערט פון טאָג צו טאָג
אַלץ ווילדער.
וואו זיין האַנדלונג איז געמיין,
וואו זיין שטרעבונג אַזוי קליין.
זיין דערהויבונג ווערט אַלץ מילדער.
אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע ריכטונג
פון דער וועלט און צו פאַרניכטונג . . .

איך האָב ליב מיין שטילע היים,
וואו די שטראַלן דורך די שויבן
דיך וואַרעמען און זעטן.
און דעם קאָפּ זיי ווייך גלעטן,
די געפילן זיי דערהויבן,
און דו פילסט זיך ציכטיק ריין—
איך האָב ליב מיין שטילע היים . . .

פריינט

איך האָב ליב צו זיין מיט פריינט,
צו ריידן פון דעם היינט,
פון נעכטן זיך דערמאָנען.
ס'איז זויבער־לויטער דער פאַרשטאַנד,
פונקט ווי אַמאָל איך האָב פאַרשטאַנען.

איינפאַך, פשוט איז דאָס וואָרט,
נאָר פיל עס האָט אין זיך געפילן.
דאָס בלוט איז וואַרעם, היים און קאָכט,
און דו ווילסט אפילו דאָס ניט שטילן.

מען רעדט גאַנץ שטיל, און אויך מען שרייט,
מען מיינט מיט דעם ניט גאָר קיין רעה.
מען איז צופרידן... דער באַדייט,
מען האָט אַזוי פיל גאָר הנאה!...

מען זינגט אַ ליד, אַ סטרונע שפּילט,
אַלע הערן מיט אַן אויער.
עס ווערט די לופט דאָ אָנגעפילט
מיט געלעכטער אָדער מיט טרויער.

צי גאָר מען זיצט ביים טיש אַרום —
ווי ליב עס איז דיר דאָ דיין שכן!
דאָס גלעזל טיי איז מלא טעם,
דערצו מען בייסט צו מיט אַ קוכן.

און ווען דו דריקסט ביים פריינט זיין האַנט,
די בלוטן האַלדזן זיך צוזאַמען,
דאַן ביידע האָבן איין פאַרשטאַנד,
און הערצער קלאַפּן ווי צוויי גראַמען.

אַ קלאַנג

עס הערט זיך אַ קלאַנג,
עס שאַפט זיך אַ ליד.
איך זינג און איך זינג,
און איך ווער גאָר ניט מיד.

עס הויבט זיך מיין קול,
און עס וואַרעמט מיין בלוט;
איך זינג און איך זינג,
און איך פיל אַזוי גוט...

ווי גוט איז צו לעבן,
צו פילן די פרייד!
צו שטרעקן די הענט,
צו דער הויך, אין דער ברייט!

צו גיין און צו שפּאַנען,
וואו נאָר אַ וועג איז פאַראַנען.

ווי גוט איז דעם אָטעם צו ציען,
צו זינגען אַ ליד!
צו פילן דאָס לעבן
מיט יעדערן גליד! . . .

נאַטור־לידער

אַ שיינער טאָג

ווי שיין עס איז היינט דער פרימאָרגן!
צו דיר ער פשוט רעדט,
ווי מיט געבעט:
„פּאַרטרייב פון זיך, דו, אַלע זאָרגן!
דו, קום אַרויס,
שפּאַציר אין גאַסן.
נישט לויף, נישט יאָג,
דו שפּאַן געלאַסן!
זאָלן אויגן זיך אָנזעטן.
ווי גרינג עס שוועבט אַרום די לופט,
פון דער ווייט, זי ערגעץ רופט.
דאָס ווינטל האַלט דיין פּנים גלעטן.
זיך שפּרייט די גאַס פאַר דיר אַנטקעגן,
ווי אַ בלייכער, לאַנגער פאָדעם,
ס'איז אָנגעפילט מיט פרייד דיין אָטעם,
און די זון זיך שפּרייט אויף אַלע וועגן."

פאַרנאַכטן

ווי שיין עס זיינען די פאַרנאַכטן!
די זון, זי לויפט ניט שנעל אַוועק,
געלאַסן האַלט זי אין באַטראַכטן
איר אויסגעטראַטענעם שוין וועג.

דער מערב פלאַמט מיט רויטע פאַרבן,
נאָר ער ווערט גאָר ניט פאַרברענט.
די לופט איז מילד און פול מיט ליבשאַפט,
זי גלעט דאָס לאַנד מיט צאַרטע הענט...

און מיין אָטעם ווערט פאַראייניקט
מיט דעם אָטעם פון אַרום,
איך פיל, ווי עס טוען זיך דאָרט רירן
די צאַרטע בלעטלעך ביי דער בלום...

דער ווינט

דער ווינט ער רעוועט און ער וויינט . . .
די שרעק אין הארצן עקלט.
עס פאלט א קלאנג און ווערט פארשטיינט,
דער קלאנג אויף שטיקלעך ווערט צעברעקלט.

עס קומט דער ווינט באלד אויף צוריק,
ער קלייבט די ברעקלעך באלד צוזאמען,
ער טראגט זיי איבער אויף זיין בריק,
און ער פארשפרייט זיי איבער ימען.

עס ווערט דאס וואסער דאן צערייצט,
עס הויבט אן קאכן און צו טומלען,
עס ווערן ברעגן באלד פארפלייצט,
זיך שפיגלען וואלקנס מיט די הימלען...

שיינע טעג

לויטער הימל,
צאַרטער בלוי.
די לופט איז דורכזיכטיק
און ווייך.
דאָס גראָז איז גרין,
געקושט מיט טוי,
עס שמעקט אַרום
ניחוח ריח . . .

דאָס ווינטל שוואַך,
עס רירט זיך קוים,
עס גלעט דאָס פּנים
ליב און וואַרעם,
און אין געדאַנק
זיך וויגט אַ טרוים
פון מיטלייד און דערבאַרעם.

דאָס האַרץ צעגייט זיך
אין געפיל.
עס רירט אַ טרער זיך
אין די אויגן.
עס איז אַרום דאָ
אַזוי שטיל.
אַ טויב איז נאָר וואָס
דורכגעפלויגן.

דו פילסט —
דו ווערסט פֿאַרכאַפּט
מיט דעם אַרום —
דו ווערסט פֿאַראייניקט.
דיין בלוט אין פּולס,
ווי מאַכטלאָז קלאַפּט—
נאָר עס אַרט דיך
זייער ווייניק . . .

שיינע טעג!
דער הימל בלוי,
די שטראַלן
וואַרעמקייט דיר געבן.
עס פילט זיך וואויל,
און גוט אַזוי!
עס ווילט זיך אַזוי
ווייטער לעבן!

זומער

די זון באַווייזט זיך,
זייער פרי,
ערגעץ ווייט —
ביים הימל־ראַנד.
זי צעשפּרייט
דעם צויבער־גלי,
מיט גאָר אַ ברייטער האַנט.

מיט אַ געלן
כּישוף־בלענד,
שפּרייטן שטראַלן
שטיקער גאָלד;
און די בלעטער—
ביימערס הענט,
וואָלטן שפּילן
זיך געוואָלט.

און די שאָטנס
פון די צווייגן
שפּרינגען,
טאַנצן אויס אַ טאַנץ;
עס איז דער בוים
פאַרטיפט אין שווייגן,
נאָר דער טוי—
אין פּראַכט פון גלאַנץ.

דאָרט, אין דער ווייט,
דער קאָפּ פון באַרג
שמייכלט צו —
און פול מיט פרייד.
פאַר אים איז תמיד
זייער קאַרג,
ווען זון אַנטלויפט,
ווען זון פאַרגייט.

אַלץ אַרום עס קוקט צו מיר,
ווי עפּעס אַזוי ניי.
מיט פרייד איך דאָ
אַרום שפּאַציר,
דער אָטעם הויבט זיך
אַזוי פריי.

פרימאָרגן

ווי שיין איז דער פרימאָרגן היינט!
פול מיט גאָלד דער מזרח שיינט.

דער דרויסן בעט זיך אַזוי פרום:
מקבל-פנים זיין די זון.

עס שפרייטן שטראַלן זיך אָן אַ צאָל,
איבער באַרג און איבער טאָל.

פונקען שפריצן אום און טאַנצן,
אויסגעפוצטע גראָזן גלאַנצן.

פאַרשלאָפן — בלעטלעך אויף די צווייגן
איינגעבויגענע דאָרט שווייגן.

באַנעצט מיט טוי, ווי אויסגעצוואָגן —
צו דיר די סטעזשקעס, ווי עפעס זאָגן.

עס פליען פויגלען אַזוי פריי,
זיי פאָלגן נאָך אַזוי געטריי.

זיי ריידן הויך אויף זייער שפראַך,
און זיי טובלען זיך אין טייך.

און גרינג אַרום די לופט טוט שוועבן.
די הייזער קוועלן, פול מיט לעבן.

עס שפיגלט זיך די זון אין פענצטער,
זי טראַכט: איר שאָטן איז דער שענסטער.

דו שפאַנסט אַרום, ביסט פול מיט מוט,
און שטאַרק עס קלאַפּט אין דיר דאָס בלוט.

עס הויבט זיך הויך אַזוי דיין ברוסט,
דאָס האַרץ איז פול אַזוי מיט לוסט.

פעדעם אין דער לופט זיך וועבן —
און ס'ווילט זיך שטאַרק אַזוי צו לעבן!

בלעטער

אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער פֿון בוים
ליגן, פֿאַרשטויסענע, אַרום;
אַ שוואַכער, קוים סאָפּענדער טרוים,
שוועבט, אַ פֿאַרקלעמטער, דאָ אום.

זיי, בענקענדיק, קוקן אַרויף צו דעם שטאַם,
און פֿרעגן גאָר פֿרעגן, פּשוטע, זיי.
עס איז דאָך אָן ענטפֿער דאָרט ערגעץ פֿאַראַן...
„פֿאַרוואָס אָדערן גילן מיט ווײ?

פֿאַרוואָס דאָרטן אויבן הענגען בלעטער נאָך,
פֿון מיט לעבן, אַזוי גרין,
מיט אַ גרויסן פֿאַרגעניגן גיט אַ שטאָך
אין זיי די זשומענדיקע בין?

פֿאַרוואָס זיי ליגן דאָ פֿאַרנעצט?
פֿאַרוואָס זיי ווערן דאָ פֿאַרפֿוילט?
און דאָרטן אויבן
בלעטער זײַנען הויך געשעצט,
און לעבן אַזוי וואויל.

דאָרט, מיט זיי, עס שושקעט זיך דער ווינט,
עס גרויסט דער שטאַם זיך פֿאַר דעם גראָז.
און וואָס באַשטייט איצט זייער זינד?
זיי איצטער פֿוילן דאָ . . . פֿאַרוואָס?"

בלעטער־פאַל

עס ווערן אָפּגעריסן בלעטער
פון דעם גרינעם בוים
דורך דעם שטאַרקן ווינט.
אַמאָל אויך — פריער צי שפּעטער —
עס ווערט פאַרגעלט אַ טרוים,
ווען די זון מיט פייער צינדט.

און צו דער ערד די בלעטער פאַלן,
אַוועק פון אייגן שטאַם,
און זיי פוילן דאָרט.
אַמאָל דער ווינט טוט שאַלן,
און פאַרטראָגט זיי צו דעם ים,
גאָר אָן קיין מיטלייד־וואָרט...

אָפּגעפאַלענע בלעטער
פון דעם גרינעם בוים,
האָבן מער קיין ווערט.
באַזונגען האָבן געטער —
עס געדענקט זיך קוים.
אַ חלום איז צעשטערט!...

פאַרן רעגן

בייזע ווינטן
כמאַריעס יאָגן,
ביימער קניען,
בלעטער קלאָגן.

שאָטנס לויפן אום
געלאַסן,
פינצטערקייט
באַדעקט די גאַסן.

בליצן מוראַדיק
באַלייכטן,
און די דונערס
פירן שלאַכטן....

ס'מאַכן־צו זיך
פענצטער, טירן;
סילועטן
זיך פאַזירן.

לויפן שנעלער
די מינוטן;
צאַמען איין זיך
ענגער בלוטן.

עפּעס ווייטיקט זיך
אין הארצן,
עפּעס הילט זיך איין
אין שווארצן...

נאָכן רעגן

זאַמד און שטיינער.
פרישער ווערט די לופט
און ריינער,
אויסגעוואַשן

מאַסנווייז
די זונען־שטראַלן —
זילבערנע,
פון אויבן פאַלן.

ווינטלעך לאַשטשען זיך
און טאַנצן,
בלעטלעך וויגן זיך
און גלאַנצן.

גראָזן וואַקסן,
בלומען דופטן,
ציען הויך זיך
אין דער לופטן.

אויגן בלישטשען
פונקען־פייער,
און די לונגען
פאָכען פרייער...

די געדאַנקען
זיינען לויטער,
און די בלוטן ווערן
רויטער...

אינהאַלט

מיין קרעדאָ

מענטש און וועלט

בראשית — 7
דער מבול — 19
קריסטנטום — 26
דער שטורעם — 38
דער שטאָלענער פויגל — 40
נאָר נ ט שולדיק איז דער מענטש — 44
דער מענטש — 47
די חיה אין מענטש — 51
דער מענטש און זיין מאַנטל — 53
דער מענטשלעכער גודאַנק — 57
די טראַגעדיע — 59
ער שטרעבט נאָך פרייהייט — 61
די שטאָט — 62

מלחמה און חורבן

1917 — 69
רוסלאַנד (1917-1918) — 75
ווינטער־פּאַלאַץ — 76
געדאַרפט האָט עס זיין — 80
באַבי יאַר — 82
טרעבלינקע — 88
היראָשימאַ — 94
די מענטשהייט אפילו וויל קדיש ניט זאָגן — 100
דאָס פאָלק מיט נסים — 103
מען קען דאָס פאָלק שוין מער ניט שרעקן — 107

געדאַנקען און שטימונגען

איך בין קיין שעקספּיר — — — — — — — — — — — — 113
דיין מוטער — — — — — — — — — — — — — — 114
אַ פּענאַמען — — — — — — — — — — — — — — 116
די גאַס אין אַ מאָדערנער שטאָט — — — — — — — — 119
קאָנוואַלסיעס — — — — — — — — — — — — — — 121
אַ פונק — — — — — — — — — — — — — — — 123
אַ פאַרבאָרגענער ווּיסן — — — — — — — — — — — 125
אויף אַן אַנדער פּלאַנעט — — — — — — — — — — 128
דער זייגער לויפט — — — — — — — — — — — — 129
דער מענטש ווערט טויב און בלינד — — — — — — — — 130
אַ סוד — — — — — — — — — — — — — — — 132
עמיצער דרייט דאָ די ראָד — — — — — — — — — — 133
מענטשלעכע גערעכטיקייט — — — — — — — — — — 134
עס ווערט צו שפּעט — — — — — — — — — — — — 135
דער עמער — — — — — — — — — — — — — — 136
נישט גענוג — — — — — — — — — — — — — — 137
עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק גלויבן — — — — — — — 138
מיין הייליקער בטחון — — — — — — — — — — — 140
פּשוטע ווערטער — — — — — — — — — — — — — 141
עס בלאַנדזשען שאָטנס אום — — — — — — — — — 142
אין יענע טעג, מיין פריינט — — — — — — — — — 143
יענער וועג — — — — — — — — — — — — — — 145
מיין יוגנט איז שוין לאַנג אַוועק — — — — — — — 146
דאָ און אין שטעטל — — — — — — — — — — — — 147
ליכט־בענטשן — — — — — — — — — — — — — 149
צוליב וואָס איז באַשאַפן — — — — — — — — — — 150
קלאַנגען פון טרויער — — — — — — — — — — — 151
איך האָב ליב — — — — — — — — — — — — — 152
ווי גוט עס איז — — — — — — — — — — — — — 153
ווי שטיל זיינען קלאַנגען — — — — — — — — — — 154

מעַן מיינט ניט דיך — 155
עס ווילט זיך האָבן אַ גיטאַר — 156
אַ שמעטערלינג — 158
כבד את אָביך — 159
דו רעדט צו מיר יידיש — 161
ווען עס קומט אַ פריינט — 164
איך האָב ליב מיין אייגן היים — 165
פריינט — 167
אַ קלאַנג — 168

נאַטור-לידער

אַ שיינער טאָג — 171
פאַרנאַכטן — 172
דער ווינט — 173
שיינע טעג — 174
זומער — 176
פרימאָרגן — 178
בלעטער — 179
בלעטער־פאַל — 180
פאַרן רעגן — נאָכן רעגן — 181